# מאָשקעלע גנבֿ
## שלום עליכם

פֿון www.cs.uky.edu/~raphael/yiddish/sholemAleykhem/contents.html
Grine medine-versie www.grinemedine.nl

### קאַפּיטל א
*רעדט פֿון גנבֿים.*

ניט־ייִדן האָבן אים גערופֿן מאָשקע, ייִדן האָבן אים פֿאַרצויגן מאָשקעלע און צוגעזעצט אַ צונעמעניש גנבֿ, מחמת ער איז געווען אַ גנבֿ, דאָס הייסט זײַן פּרנסה איז געווען גנבֿה.

און גנבֿענען האָט ער געגנבֿעט נאָר פֿערד. אַף גנבֿה־לשון איז ניטאָ מע זאָל גנבֿענען פֿערד; פֿערד־גנבֿים, אַז זיי רעדן פֿון זייער מלאָכה, זאָגן זי „געשאָסן אַ פֿויגל", „אָפּגעקייטלט און אַרויסגערופֿן" פֿון שטאַל, „אַוועקגעפּלינטלט" מיטן פֿויגל אַפֿן יאַריד, „אונטערגעפֿידלט" באַ אַ ציגײַנער, „אויסגעבײַטשלט" מיט אַ בעל־עגלה, צונויפֿגענומען די „באַבקעלעך" און געקומען ריין ווי אַ טעלער — אָט דאָס איז די שפּראַך פֿון פֿערד־גנבֿים, אָט דאָס איז זייער זשאַרגאָן.

צווישן גנבֿים בכלל איז ניטאָ דער נאָמען „גנבֿ" און דאָס וואָרט „גנבֿה". פֿאַראַן אַ „מאַרוויכער" (אַ קעשענע־גנבֿ), אַן „אָדלער" (אַן אַנטלאָפֿענער גנבֿ), אַ „װעשער" (אַ נאַכט־גנבֿ), אַ „כלאַמידניק" (אַ קליידער־גנבֿ), אַ „שפּאַן" אָדער אַ „רויטער" (גלאַט אַ גנבֿ) וכדומה. נאָר אַ פֿערד־גנבֿ—דאָס איז גאָרניט פֿאַראַן, ניטאָ דאָס מין; פֿאַראַן אַ „אַמאַטער", דאָס הייסט אַ ליבהאָבער פֿון פֿערד,

און מאָשקעלע גנבֿ איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון פֿערד. אַ פֿערדל אין באַ אים געווען דאָס חיות. אַנידערזעצן זיך אַף אַ פֿערדל רײַטנדיק, פֿליִען פֿײַל אויסן בויגן, שפּרינגען משוגענערווײַז איבער בערג און איבער טאָלן, איבער וועלדער און איבער טײַכן — דאָס איז געווען זײַן אַרבעט נאָך פֿון ייִנגלווײַז אָן, וואָרעם פֿערד האָט ער געזען נאָך באַ זײַן פֿאָטער, דעם נבֿיא יונה, וואָס ער איז אַליין אויך געווען כּל־ימיו אַ פֿערד־גנבֿ... פֿאַרדאָן! ניט קיין גנבֿ, נאָר אַ „נבֿיא."

איר ווייסט, וואָס הייסט אַ נבֿיא? אַ נבֿיא צווישן פֿערד־גנבֿים, פֿערד־הענדלער און בעל־עגלהס, הייסט אַ „טרעפֿער", אַ מענטש, וואָס טרעפֿט, און

דער נבֿיא יונה פֿלעג טרעפֿן, האָט זיך געמאַכט, מע האָט באַ אַ בעל־עגלה אַרויסגעפֿירט אַ פּאָר פֿערד פֿון שטאַל, איז מען געגאַנגען צום נבֿיא.

—רב יונה, וואָס טוט מען? ס'איז שלעכט, מע האָט דאָך באַ מיר הײַנטיקע נאַכט אַרויסגעפֿירט אַ פּאָר פֿערדלעך. גיט עפּעס אַן עצה, רב יונה!

דער נבֿיא יונה, אַן אַלטער, אַ גרויער, מיט קאַסאָקע אויגן, וואָס אײנס קוקט קיין דרום, דאָס אַנדערע קיין צפֿון, רעדט נישט קיין סך, טוט אַ פֿרעג:

—וואָסערע?

—אײנער אַ בולאַנער, אײנער אַ ווײַסער מיט פֿלעקן. ערשט ניט לאַנג געבראַכט צו פֿירן פֿון „ספּאַס“, אויסגעביטן אַף מײַנע צווײ שקאַפּעס, איר דאַרפֿט זי געדענקען, רב יונה, געווען ווילע שקאַפּעס, צו וואָס האָב איך זי באַדאַרפֿט אויסבײַטן, ווערלכער רוח ווײס איך אַלײן ניט! ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, אַזריאל, מיטן קאָפּ זאָל ער אָנלײגן! בײַט, זאָגט ער צו מיר, וואָס ווערט אײַך אַרן, אַז איר וועט בײַטן? בין איך געגאַנגען און האָב געביטן, און איצט האָט מיך געטראָפֿן אַזאַ אומגליק, גוואַלד, רב יונה, גיט עפּעס אַן עצה!

דער נבֿיא יונה קוקט אָן אַ זײַט און די קאַסאָקע אויגן באַ אים ברענען.

—אַ „רויטינקס“ וועט זײַן פֿאַר דער אַרבעט?

—אַ רויטינקס? ווּ זאָל איך נעמען? ס'הײסט, ביטערע יאָרן, רב יונה, שווערע יאָרן, אפֿשר וועט זײַן געגנוג אַ „גרינס“, רב יונה?

דער נבֿיא קוקט אָן אַ זײַט און די קאַסאָקע אויגן ברענען. ער שנײַט אָפּ ווי מיט אַ מעסער.

—אַ ,רויטינקס!“

—אפֿשר אַ ,בלאָווס“, רב יונה?

—אַ „רויטינקס!“

דער בעל־עגלה קראַצט זיך, זאָגט צו אַ „רויטינקס“ און גײט אַוועק און לײגט זיך שלאָפֿן, און אַף מאָרגן, אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, טרעפֿט ער די פֿערדלעך באַ זיך אין שטאַל,

בקיצור, — מאָשקעלע גנבֿ איז געווען אַ גנבֿ בן גנבֿ.

## קאַפּיטל ב

*ער באַווײַזט זיך אַרויס קליינערהייט.*

קינדווײַז האָט ער דווקא געלערנט אין חדר. דער נבֿיא, כאָטש ער איז אַליין געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ ייִד אַ גנבֿ, האָט ער פֿונדעסטוועגן געוואָלט, אַז זײַן זון זאָל אים זײַן אַ ,ווייל געלערנטער; ער האָט זיך פֿאַר אַלעמען באַרימט מיט זײַן „קדיש", אַז ער צאָלט פֿאַר אים שׂכר־לימוד.

דער ,קדיש" האָט אָבער מער ליב געהאַט די שטאָל ווי דעם חדר, און אַ פֿערדל איז באַ אים געווען צען מאָל טײַערער פֿונעם רבין להבֿדיל. דער רבי אַליין האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו זאָגן דאָס דעם פֿאָטער, אַפֿילו אַביסל פֿאַרשטעלט.

—רב יונה, איר מעגט שוין דעמאָלט שטאַרבן, ווען אײַער זון וועט קאָנען זאָגן קדיש...

דעם פֿאָטער האָבן די דאָזיקע ווערטער אַזוי טיף דערלאַנגט צו דער לעבער, אַז ער האָט גענומען אַן אַראַפּניק און געהייסן דעם זון זיך לייגן, ער זאָל אים מקיים־פּסק זײַן. דער זון האָט אָבער קיין חשק ניט געהאַט פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַ רימענעם אַראַפּניק אַפֿן היילן לייב, און האָט זיך אָפּגעזאָגט, ניט געוואָלט בשום אופֿן זיך לייגן.

—לייג זיך! — האָט אים דער פֿאָטער געזאָגט.

—איך וועל זיך ניט לייגן — האָט אים דער זון געענטפֿערט.

דעמאָלט האָט אים דער פֿאָטער געהייסן מיטן האַרבן וואָרט.

—לייג זיך זאָג איך דיר!

—איך וועל זיך ניט לייגן האָב איך דיר געזאָגט,

איז דער פֿאָטער אַרויס פֿון די כּלים, אים געוואָלט מיט גוואַלד אַנידערלייגן. האָט זיך דער זון ניט געלאָזט רירן פֿונעם אָרט. אַ שעה כּסדר האָט זיך דער פֿאָטער געראַנגלט מיטן זון, ניט געקאָנט מאַכן מיט אים גאָרניט, ער האָט אַרויסגעזען, אַז גיכער וועט ער אויפֿהייבן די שטוב אַף די פּלייצעס, איידער אײַנבאָרען דעם זון.

—ווערסט זיך ניט לייגן? — האָט אים דער פֿאָטער אַ פֿרעג געטאָן דאָס לעצטע מאָל.

—ניין, בשום אופֿן! — האָט אים דער זון געענטפֿערט, און בכדי דער פֿאָטער זאָל ניט מיינען, אַז ער זאָגט דאָס אין אַ גלײַכווערטל, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַן אײַזערנע פּידקאָווע פֿון דער קעשענע און האָט זי צעבראָכן אַף צווייען, ווי מע ברעכט אויף אַ בייגל. דעמאָלט האָט דער נבֿיא אַרויסגעזען, אַז זײַן זון

האָט אין זיך שמשון הגיבורס גבֿורה און ער האָט באַקומען פֿאַר אים גרויס דרך־ארץ.

אַז מאָשקע איז אַרויס פֿונעם חדר, האָט ער ניט געקאָנט דאַוונען אַפֿילו, ער אין געווען, ווי מע זאָגט אין מאַזעפּעווקע, „געכאַפּט אַף דער עבֿרי"; דערפֿאַר אָבער האָט ער געקאָנט אַנדערע זאַכן: איַינשפּאַנען דעם גרעסטן וואָגן און פֿאָרן רײַטנדיק האָט ער געקאָנט ווי אַ קאָזאַק; דאָס פֿערד האָט געמעגט זײַן ווי ווילד און היציק, איז דאָס באַ אים אונטערן רײַטן געוואָרן ווייך ווי טייג און שטיל ווי אַ קעצעלע. הײַנט האָט ער געקאָנט שווימען אַפֿן וואַסער טאַקע נאָר ווי אַ קאַטשקעלע; אַריבערשווימען דעם טײַך אין דער ברייט הין און צוריק אין איין אָטעם איז באַ אים געווען אַ שמעק־טאַבעקע, און זײַן גבֿורה האָט געהאַט אַ שם ניט נאָר אין מאַזעפּעווקע, אין אַלע דערפֿער אַרום און אַרום האָט מען געוווּסט, אַז מאָשקע קאָן איַינבאָרען דרײַ סאָלדאַטן און שלאָגן זעקס מענטשן מיט איין האַנט, און אַזוי שלאָגן, אַז בלוט זאָל גיין, אַז מע זאָל אים האָבן צו געדענקען!

נאָך אַז ער אין געווען גאָר יונג, אַ בר־מיצווה־ייִנגל, האָט ער זיך ניט איין מאָל אויסגעצייכנט מיט זײַן שלאָגן, באַוויזן ווער מאָשקע איז. די מאַזעפּעווקער פּויערשע יונגען, וואָס פֿלעגן כּמעט אַלע שבת מלחמה האַלטן מיט די ייִדישע קינדער בשעת זי גייען אַרויס שבת באַטאָג אונטערן שטאָט אַפֿן שפּאַציר, אָנרייצן אַף די ייִדן די הינט, יאָגן, פֿײַפֿן און זינגען דאָס שײנע ליד:

זשיד, זשיד,
כּאַלעמײַ!

אַז זיי האָבן איינמאָל פֿאַרזוכט מאָשקעס הענט, האָבן זי שוין פֿאַרזאָגט דעם צענטן, מע זאָל זיך מיט דעם דאָזיקן ייִדן ניט זאַטשעפּען, און שפּעטער, אַז ער איז אונטערגעוואַקסן, געוואָרן אַ בחור צו לײַטן, האָבן אויך גרויסע פּויערים פֿאַרזוכט מאָשקעס קולאַקעס און האָבן פֿאַר אים געציטערט אימת־מוות.

שלאָגן זיך — דאָס איז געווען באַ אים, קאָן מען זאָגן, אַ מין תּאווה, אַ יצר־הרע, און ליב געהאַט האָט ער זיך פֿאַרטשעפּען מיט אַ גרעסערן, אַ געזינטערן פֿון זיך.

צו מיינסטן פֿלעג ער אַרויסבאַווײַזן זיך מיט זײַן גבֿורה דעמאָלט, ווען מע האָט עמעצן באַליידיקט. ער האָט געדאַנקט גאָט, אַן עס האָט זיך אים געטראָפֿן אַ גליק, עטלעכע בעל־עגלות, אָדער עטלעכע קצבֿים האָבן אַלע מיט

אַ מאָל באַפֿאַלן אײנעם (און דאָס איז דאָך אַ כּלל, אַז ייִדישע בעל־עגלות און קצבֿים זײַנען גרויסע רוצחים־היצלעס) — דעמאָלט פֿלעגט אונדזער מאָשקע פֿאַרקאַטשען די אַרבל, אַרײַנשפּרינגען אין רעכטן פֿײַער און אַרבעטן מיט בײדע הענט און מיט יעדע פֿיס, און אַז מע האָט באַדאַרפֿט מיטן קאָפּ — איז געווען מיטן קאָפּ אויך. ניט אײנער פֿלעג אַוועקגײן פֿון דערדאָזיקער מלחמה מיט אַ בײַל אַפֿן שטערן, מיט אַ לאַמטערן אונטער די אויגן, מיט אַ קרעל אַף דער נאָז. פֿון אָפּגעריסענע אַרבל, צעפֿליקטע פּאָלעס און צעקאַרדאַשעטע פּלײצעס — פֿון דעם שמועסט מען ניט. דאָס האָט ער אַלײן אַף זיך ניט אײנמאָל פֿאַרזוכט, און טאָמער האָט עמעצער אים אײַנגעטײלט פּעטש, איז אויך געווען פֿאַרפֿאַלן, אַדרבא, ער האָט ליב געהאַט אַזעלכן, וואָס קאָן געבן פּעטש; אַזעלכן, האָט ער געזאָגט, אין ערשט גוט צו פּאַטשן און געשמאַק כאַפּן פֿון יענעם פּעטש.

הקיצור, אין דעם ענין פֿון פּעטש, פֿון קלעפּ מיט קולאַקעס איז מאָשקע געווען אַ מפֿורסם. אויב איר וועט קײן פֿאַראיבל ניט האָבן, וועל איך זאָגן, אַז ער איז געווען אַ גאָון.

## קאַפּיטל ג

*ער איז געווען דער גלית הפּלישתּי פֿון זלאָדיעווקע.*

אין דער סבֿיבֿה פֿון מאַזעפּעווקע איז פֿאַראַן אַ דאָרף זלאָדיעווקע; איז אין דעם זלאָדיעווקע געווען אַ פּויער מיטן נאָמען איוואַן קורקאַ, אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ מין גלית הפּלישתּי, אַ שטילער אַפֿילו, אַן ערלעכער, נאָר ביז וואַנען ער איז געווען ניכטער. קוים האָט ער אָבער געמאַכט אַן איבעריקע כּוסע, אַזוי פֿלעג זיך אין אים צעברענען די רציחה און פֿלעג אָנהײבן „בושעווען“, ברעכן טירן, פֿענצטער, שלאָגן מענטשן און צום מײנסטן ייִדן. אַף ייִדן פֿלעג ער דעמאָלט זײַן סכּנה־נפֿשות. די ייִדן — פֿלעג ער טענהן און מאַכן בשעת־מעשׂה מיט בײדע קולאַקעס אין דער לופֿטן — די ייִדן פֿאַראומערן אים דאָס לעבן, זײ עסן זײַן פֿלײש, זײ טרינקען זײַן בלוט, ער וועט זיך ניט באַרויִקן ביז ער וועט זײ ניט אויסהרגענען, אויסקוילען אײנציקווײַז!

אַזוי פֿלעג טענהן איוואַן קורקאַ מיט זיך אַלײן און היצן זיך אַזוי לאַנג, ביז מע האָט אים באַדאַרפֿט בינדן הענט און פֿיס און אַ שיכּורן ווי אַ באַראַן אָפּפֿירן אַהײם קײן זלאָדיעווקע.

ויהי היום, איז געווען אין מאַזעפּעווקע „ספּאַס יאַריד", און איוואַן קורקאַ האָט אַרויסגעפֿירט אַ פּאָר ביקלעך צו פֿאַרקויפֿן. פֿאַרקויפֿט די ביקלעך, האָט ער בײַ אַ שׂרה וואָלציכען אין טראַקטיר געשטעלט מאָהאַריטש און נאָכאַמאָל מאָהאַריטש און ווידעראַמאָל מאָהאַריטש און האָט זיך צעהוליעט און האָט אָנגעהויבן בושעווען ווי זײַן שטייגער איז, ברעכן פֿלעשלעך, שלאָגן פֿענצטער, און האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו שׂרה וואָלציכען, פֿריִער מיט ווערטער און מיט קללות, און דערנאָך מיט פּעטש און מיט קולאַקעס. איז געוואָרן אַ געוואַלד: מע שלאָגט שׂרה וואָלציכען!

דער געוואַלד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געגרייכט אַפֿן יאַריד צווישן די ליוועראַנטן. דאָרט איז געשטאַנען מאָשקע אין אַ קורץ פּעלצל, מיט אַ בײַטשל אין די הענט. די הויזן אַרײַנגעלאָזט אין די שטיוול און באַטראַכט אַ פֿערדל, וואָס ער האָט שטאַרק חשק געהאַט דאָס צו קויפֿן, פּלוצעם דערהערט ער אַ געשריי: מע שלאָגט שׂרה וואָלציכען.

—ווער שלאָגט?

—איוואַן קורקאַ!

גרינגער ווי אַן אָדלער, גיכער ווי אַ הירש און שטאַרקער פֿון אַ לעמפּערט איז מאָשקע אַרײַנגעפֿלויגן צו שׂרה וואָלציכען אין טראַקטיר אַרײַן און האָט דערלאַנגט איוואַן קורקאַן נאָר אין פּאַטש, האָט זיך בײַ אים געלאָזט די דמים פֿונעם לינקן אויער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז איוואַן קורקאַ געקומען צו פֿאָרן קיין מאַזעפּעווקע מיט אַ געשוואָלענער באַק, האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט מיט אַ גרויסן טאָפּ אייער און האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, וווּ זיצט דאָ ערגעץ דער ייִד, וואָס האָט אים געשלאָגן.

—אַ דע טאָי זשיד שאָ מענע ודאַריוו?

האָבן דאָך מסתּמא די מאַזעפּעווקער ייִדן ניט געוואָלט אַרויסגעבן מאָשקען. נאָר מאָשקע, אַז ער איז געווירע געוואָרן, אַז איוואַן קורקאַ זוכט אים, איז ער אים אַליין אַרויסגעקומען אַקעגן און האָט אים געפֿרעגט, צי וויל ער ניט פֿאַרזוכן פֿון אים נאָך אַ פּאָר פּעטש? האָט אים איוואַן קורקאַ דערויף געענטפֿערט, אַז ס'איז גענוג, ער איז שוין צופֿרידן מיטן ערשטן פּאַטש, אַ סימן, אָט האָט ער אים געבראַכט אַ מתּנה — אייער, און איוואַן קורקאַ אי געוואָרן מיט מאָשקען חבֿר, די גרעסטע גוטע ברידער.

## קאַפּיטל ד

*ער טראָגט שׂינאה אַף די מאַזעפּעווקער ייִדן און איז גערעכט.*

פֿון דעמאָלט אָן האָבן די מאַזעפּעווקער ייִדן געקאָנט שלאָפֿן רויִק.
מאָשקע, אָדער ווי זיי האָבן אים גערופֿן, מאָשקעלע גנבֿ, איז געווען זייער באַשיצער. ער איז טאַקע געווען ניט מער ווי אַ גנבֿ, א „לא יבֿא בקהל“, וואָס קיינער וועט זיך מיט אים ניט משדך זײַן; נאָר אַז מע האָט באַדאַרפֿט צו אים אָנקומען פֿלעג מען אים חנפֿענען, קריכן אונטער די נעגל, מאַכן הונדערט קאָמפּלימענטן, דערויף איז דאָך פֿאַראַן אַ ייִדיש ווערטל: „אַז מע דאַרף האָבן דעם גנבֿ, נעמט מען אים אַראָפּ פֿון דער תּליה.“
מאָשקע האָט אַלצדינג געוווּסט און האָט זיך אויסגעלאַכט אַף זייער באָבע. אַלע מאַזעפּעווקער ייִדן מיטן נגיד אינאײינעם האָט בײַ אים געהאַט אַ ווערט, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, פֿון אַן אויסגעצויגענעם צוויאָק און אַן אַלטער פּידקאָווע.

פֿונדעסטוועגן האָט ער געטראָגן אַף זיי אַ סך פֿאַרדראָס.
ערשטנס, פֿאַרן נאָמען אַליין; ער האָט געוווּסט, אַז מע רופֿט אים אונטער די אויגן „מאָשקעלע גנבֿ“. וואָס איז ער זיי פֿאַר אַ גנבֿ? בײַ וואָסער מאַזעפּעווקער ייִדן האָט ער, חלילה, עפּעס אַוועקגעגנבֿעט? און וואָס איז עפּעס פֿאַרצויגן? פֿאַרוואָס קומט אים אַ נאָמען מאָשקעלע גנבֿ, און משה נתּלי דעם מלווהס, וואָס ער איז געוויס אַ גנבֿ און אַ צינדער און וואָס אין דער קאָרט, הייסט בײַ זיי משהלע און טאַקע נאָר רב משהלע? באשר משה נתּליס האָט געלט, און ער ניט...!

הײַנט האָט אים פֿאַרדראָסן, למאַי, אַז ער קומט אַמאָל אין אַ יום־טובֿ אין בית־מדרש אַרײַן, האָט ער ניט קיין אָרט און באַדאַרף שטיין ערגעץ הינטערן באַלעמער.

הײַנט האָט אים פֿאַרדראָסן, למאַי, אַז סע קומט שׂימחת־תּורה צו הקפֿות, איז אָדער מע איז אים מכבד צו דער לעצטער הקפֿה און מע רוקט אים אַרײַן אַ תּורהלע מיט אַ צעריסן העמדל, אָדער מע גיט אים גאָר קיין הקפֿה ניט.

הײַנט האָט אים פֿאַרדראָסן, למאַי האָט ער נאָך קיינמאָל ניס זוכה געווען, עמעצער זאָל אים שיקן רופֿן אַף אַ שׂימחה, אַף אַ ברית, אָדער אַף אַ חתונה, כאָטש קריגן האָט ער זיך מיט קיינעם ניט געקריגט, חלילה בײַ קיינעם ניט צוגענומען, קיינעם ניט באַליידיקט, ניט באַרעדט, געלעבט גוט מיט איטלעכן באַזונדער. טאָמער אַ טובֿה טאָן אַ ייִדן, גיין פֿון עמעצנס וועגן אין מיטן בײַנאַכט, איז מיטן גרעסטן כּבֿוד, און פֿון העלפֿן אַן אָרעמאַן מיט אַ קערבל

— דאָס שמועסט מען ניט, וואָרעם אַ קערבל האָט באַ מאָשקען בכלל קיין ווערט ניט...

—קערבלעך, — פֿלעג ער זאָגן — איז פֿאַראַן באַ גאָט אַ סך און געלט איז קײַלעכיק: הײַנט איז דאָס באַ יענעם — מאָרגן באַ מיר...

נאָר מער פֿון אַלץ האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס קיינער וויל זיך מיט אים ניט משדך זײַן, קיינער וויל אים ניט נעמען, קיין מיידל וויל פֿאַר אים ניט חתונה האָבן, דאָס לעצטע דינסטמיידל וויל ניט גיין פֿאַר אים; זי ווערט, זאָגט זי, בעסער נעמען אַ שנײַדער אָדער אַ שוסטער, אַבי ניט האָבן מאָשקעלע גנבֿ פֿאַר אַ מאַן.

אָט אַזעלכע ריינע דיבורים האָט ער אַליין מיט זײַנע אויערן געהערט פֿון אַ מיידל, לאה האָט זי געהייסן, און דווקא אַן אָרעם מיידל, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, און מע קאָן ניט זאָגן, אַז ס'איז אים געווען שטאַרק אײַנגענעם אויסצוהערן אַזעלכע ווערטער, און פֿונדעסטוועגן האָט מאָשקעלע גנבֿ פֿאָרט חתונה געהאַט, און דווקא גענומען אַ שיין מיידל, דאָס שענסטע פֿון אַלע מאַזעפּעווקער מיידלעך. און אַ באַלעבאַטיש קינד דערצו און נאָך וואָס פֿאַר אַ באַלעבאַטיש קינד!

דעם ערגסטן הונט קומט אָן דאָס בעסטע שטיקל — אַזוי האָט מען געזאָגט דערויף אין מאַזעפּעווקע, און מע איז געווען גערעכט.

## קאַפּיטל ה

*חיים חסידס טעכטערל טוט אָפּ אַ שיינע זאַך און מאַזעפּעווקע גייט אום כאַדאָראָם*

צו חיים חסיד אין ווײַנקעלער קומען טרינקען ווײַן די גרעסטע אַדונים פֿון שטאָט, טשינאָווניקעס, גלחים און גלאַט אַזוי באַלעבאַטים. מחמת ערשטנס, איז באַ חיים חסיד אין קעלער דאָס בעסטע גלעזל ווײַן, והשנית, איז דאָרטן זייער אַנגענעם צו זיצן; חיים חסיד, פֿאַרשטייט איר מיך, איז אַליין נישט אַזאַ צאַצקע אַ פֿאַרשוין, דערפֿאַר האָט ער אָבער אַ ווײַב, איז זי שיין ווי די וועלט, און טעכטער — איינע שענער פֿון דער אַנדערער. די „חיימאָוואַ“ (אַזוי רופֿן זי די אַדונים) מיט אירע טעכטער האָבן אַ שם אין שטאָט, און איר ווייסט וואָס איך וועל אײַך זאָגן? — ס'איז טאַקע געשמאַק אַ פֿריש גלעזל ווײַן נאָך־וואָס פֿונעם צאַפּן, אַז אַ שיין ווײַבל טראָגט אײַך אונטער און שיינע מיידלעך

דרייען זיך דערבײַ אַרום. דאַכט זיך גאָרנישט, דער ווײַן ווערט דערפֿון זיסער ניט ווערן, נאָר פֿאָרט אָנגענעמענער.

חיים חסיד האָט דאָס געוווּסט גאַנץ גוט. די אַדונים אַליין האָבן אים וויפֿל מאָל געזאָגט, געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז באַ אים אַ „לאַדנאַ קוביטאַ“ (אַ שיין ווײַב) און „קאָכאַני צורקי“ (ליבע טעכטער); ער האָט זיך אָבער ניט געמאַכט דערפֿון, ער האָט געקאָנט גאַנץ גוט זײַן ווײַב מיט זײַנע טעכטער און האָט געקאָנט שלאָפֿן רויִק, זײַן זיכער.

מע דאַרף ניט מער ווי מאַזעפּעווקע איז אַ שטאָט, וואָס האָט ליב רעדן; אין מאַזעפּעווקע אַרײַנפֿאַלן אין יִדישע מײַלער, זאָל אײַך גאָט שומר־ומציל זײַן! פֿונדעסטוועגן האָט אַף חיים חסידס ווײַב מיט זײַנע טעכטער קיינער קיין העזה ניט געהאַט איבערקערן די צונג אַפֿילו. דער, וואָס האָט שוין יאָ געוואָלט עפּעס ריידן, האָט ער נאָר געזאָגט, אַז „אַ שיין ווײַב און שיינע טעכטער איז אַ סגולה צו פּרנסה“, — און מער ניט אַ וואָרט.

נאָך אַזאַ מין הקדמה קאָן מען זיך שוין פֿאָרשטעלן, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן אין שטאָט, אַז חיים חסידס טאָכטער, צירעלע די שיינע, סאַמע די קלענערע און זי גרעסטענערע און די שטילערע פֿון אַלע, איז איינמאָל, פּסח נאָכן ערשטן סדר איז דאָס געוועזן, אַנטלאָפֿן, און מיט וועמען אַנטלאָפֿן? מיט איינעם פֿון די אַדונים, מיט אַ טשינאָווניק פֿון אַקציז, מיט מאַקסים טשובינסקי! און וווּהין אַנטלאָפֿן? אין מאָנאַסטיר אַרײַן! איר הערט? אין מאָנאַסטיר אַרײַן!

ווו נעמט מען די פּען, וואָס זאָל באַשרײַבן אַלצדינג, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן יענעם פּסח אין מאַזעפּעווקע? ווו נעמט מען די פֿאַרבן, מע זאָל אויסמאָלן דאָס בילד, ווי חיים חסיד ליגט מיטן פּנים צו דער ערד און די גאַנצע שטאָט מיט אַלע קינדער מיט די דינסטן אַפֿילו ליגן מיט די פּנימער אין די קישנס און וויינען אַ סך מער ווי די פֿרימסטע יִדן וויינען הײַנטיקע ציַיטן תּשעה־באָבֿ אַף חורבן בית־המקדש. געקומען נאָכן עסן, האָט זיך די גאַנצע שטאָט געוויינט; קינד און קייט זײַנען געוועזן אינדרויסן, די מאָנאַסטירסקע גאַס איז געווען פֿאַרפּלייצט מיט יִדן, ווײַבער, בחורים און מיידלעך. די מעשׂיות, וואָס זײַנען דערציילט געוואָרן דאָרטן מיט די פּאָטשטן, וואָס זײַנען געפֿלויגן יענעם טאָג און אַפֿן אַנדערן טאָג, און אַפֿן דריטן טאָג און אַלע טעג פּסח, איז גאָרניט איבערדערציילן.

## קאַפּיטל ו

*חיים חסידס אײדעם אליהו־נח פֿאַלט אַף אַן עצה*

אַף דער הײסער שעה האָט חיים חסיד גאָרניט געקאָנט טאָן, ניט געװוּסט, װאָס זאָל ער טאָן, האָט ער זיך פֿאַרשלאָסן באַ זיך אין חדר, זיך געװאַלגערט אַף דער ערד און נאָר געװײנט, און נאָר געװײנט, ערגער, טױזנט מאָל ערגער װי מע װײנט אַף אַ טויטן, װאָרעם דאָרטן איז נאָר אַ װײטיק, און דאָ איז אַ װײטיק מיט אַ בזיון אינאײנעם...

ניס אַזױ אָבער האָט געטאָן די „חיימאָװאַ“. זי איז אַװעקגעלאָפֿן צו אַלע גרעסטע אַדונים, און צום איספּראַװניק אַליין געפֿאַלן צו די פֿיס, געװײנט און געבעטן רחמים, מע זאָל זי כאָטש צולאָזן אַף איין האַלבע שעה צו צו דער טאָכטער, מער ניט. עס האָט ניט געהאָלפֿן קיין װײנען. דאָס אײנציקע, װאָס מע האָט איר געקאָנט העלפֿן, איז נאָר מיט אַ גוט װאָרט: זײ האָבן זי געטרײסט, אַז מע װעט איר טאָכטער חלילה גאָרניט טאָן, אַז זי װעט מיט גאָטס הילף זײַן גליקלעך, װאָרעם מאַקסים טשובינסקי איז זײער אַ פֿײַנער, זײער אַן אָרנטלעכער מענטש; זי װעט מיט אים געװיס האָבן אַ סך אַ בעסער לעבן װי מיט דעם „איצקאָ“ אָדער מיט דעם „פּאוסיד“ (חסיד) מיט דעם „בערקאָ“, װאָס אירע עלטערן װאָלטן איר געגעבן פֿאַר אַ מאַן.

אַזױ האָבן דידאָזיקע גוטע מענטשן אױסגערעדט דער אָרעמער מאַמען דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ, און די אָרעמע מאַמע האָט זיך ניט געװאָלט טרײסטן, געלאָפֿן פֿון דאָרטן צו די גלחים, צו די מאָנאַכעס פֿונעם מאָנאַסטיר, זיך געװאַלגערט אַף דער ערד, געקושט די פֿיס — עס האָט ניט געהאָלפֿן קײן רבונו־של־עולם!

איז אײנער פֿון חיים חסידס אײדעמס געפֿאַלן אַף אַן עצה: מאָשקעלע גנבֿ! דאָס הײסט, מע זאָל אַ בעט טאָן מאָשקעלע גנבֿ, װאָלט ער געפֿונען אַ מיטל; ער װײסט שױן װי אַזױ; אים באַדאַרף מען ניט לערנען...

אַז מע טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שאַרף פֿון אַ שװערד. חיים חסיד האָט געשיקט רופֿן מאָשקעלע גנבֿ, ער זאָל זיך מטריח זײַן קומען אַף אַ פּאָר װערטער „מכוח זײער אַ נײטיקן ענין.“

מאָשקעלע אין נאָר־װאָס געקומען צו פֿאָרן „פֿון דער אַרבעט“... רײַטנדיק אַף אַ ברענענדיק פֿערד, ער האָט נאָך אַפֿילו ניט אָפּגעטרײסלט זיך פֿונעם שטױב און איז אַ פֿאַרפּאָראָשעטער, אַ הונגעריקער און אַ דאָרשטיקער אַװעקגעגאַנגען צו רב חיים חסיד הערן, װאָס פֿאַר אַ „נײטיקער ענין“ קען

דאָס זײַן, כאָטש באַ זיך האָט ער גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס באַדאַרף זײַן געוויס מכּוח דער אַנטלאָפֿענער צירעלע, און דאָס האַרץ האָט אים באַצײַטנס אָנגעהויבן קלאַפּן, אַליין ניט צו וויסן פֿאַרוואָס.

* * *

ניט גרינג איז געווען חיים חסיד מיט זײַן הויזגעזינד אָנצוהייבן מיט מאָשקעלע גנבֿ דעמדאָזיקן שמועס. ניט גרינג איז אויך געווען פֿאַר מאָשקעלע גנבֿ אַ פֿרעג צו טאָן, נאָך וואָס האָט מען אים געשיקט רופֿן. ביידע צדדים זײַנען געזעסן אַ היפּשע ווײַלע און געשוויגן.

האָט זיך געפֿונען איינער אליהו־נח, דער עלטערער איידעם, אַ יונגערמאַן אַ שיינער באַל־לשון און אַ בעל־תּנ"ך, טראָגט אַ זײַדענעם קאַשקעט אינדערוואָכן, שנײַצט די נאָן בריהש מיט איין פֿינגער, און איז אַרויס פֿאַרן מליץ־יושר פֿאַר דער גאַנצער שטוב מיט אַ מענה־לשון, געקײַט די ווערטער, ווי מע קײַט מצה.

"די מעשׂה דערפֿון, הייסט עס, וואָס אונדזער צירעלע, מיין ייִנגערע שוויגערין, הייסט עס, האָט זי דאָס... אַוועק, הייסט ראָט, ניט אַליין, דאָס הייסט אַליין, נאָר דאָס... סטיגאָטערס, הייסט עס, אַ סך... איז באַדאַרף מען זי פֿון דאָרטן, הייסט עס... דאָס... איז באַ אונדז געבליבן, אויב דו ווילסט, הייסט עס, מהיכא־תּיתי פֿאַרדינען אַ קערבל..."

דאָ האָט זיך אליהו־נח אָפּגעשטעלט, אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, ווי בשעת מע שלינגט אַראָפּ אַביינדל, און האָט אַ שנײַץ געטאָן די נאָז מיט איין פֿינגער און געוואָלט רעדן ווײַטער, האָט אים מאָשקעלע גנבֿ איבערגעשלאָגן און האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיטן אייגענעם לשון, וואָס אליהו־נח.

"די מעשׂה דערפֿון, הייסט עס, וואָס דו ביסט אַ יאָלד און מיינסט ביסט אַ גרויסער חכם, אַ שופֿר, זאָגט מען, האָט אַ לאַנגן אָקס און קאָן קיין צונג ניט בלאָזן. דאָס קערבל, וואָס דאָס זאָגט צו דערפֿאַר, בין איך מנדר אַף דיין פֿעטערס יאָרצײַט, און לאָז מײַן נאָמען ניט הייסן מאָשקע, אויב איך וועל צירעלען פֿון מאָנאַסטיר ניט אַרויסנעמען, סײַדן דער טויט וועט מיר זײַן..."

דידאָזיקע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן אַזוי פֿעסט, מיט אַזוי פֿיל האַרץ, אַז דאָס גאַנצע געזינדל איז געבליבן זיצן ווי מע זאָגט „געגאַפֿט אַף די נעגל“, און אַפֿילו אליהו־נח, וואָס איז געוואָרן רויט און דערשוויצט פֿאַר בזיון, איז געווען צופֿרידן, געוואָרפֿן מיט אויגן אַף אַלע זײַטן, און געשמאָרעט מיט דער נאָז און באַלעקט זיך ווי אַ קאַץ בשעת זי האָט געוואָלט פֿאַרזוכן דעם טעם

פֿון פּסחדיקער שמאַלץ... די „חײמאָװאַ“, װאָס איז געזעסן ביז אַהער און געװײנט, האָט אױפֿגעהערט װײנען, געבראָכן די הענט און אַ זאָג געטאָן: — אָמן, הלװאַי, רבונו־של־עולם, פֿון זײַן מױל אין גאָטס אױערן.!

נאָר אײן חײם חסיד אין געזעסן דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ניט געקאָנט קוקן קײנעם אין די אױגן אַרײַן, גלײַך װי ער האָט עפּעס פֿאַרזינדיקט, עפּעס אָפּגעטאָן אַזעלכס, װאָס איז גאָר אַ חרפּה אױסצוזאָגן. און אַז ס'איז געקומען צו געזעגענען זיך, בשעת מאָשקעלע גנבֿ איז אױפֿגעשטאַנען אַװעקצוגײן, האָבן זײַנע אױגן זיך אָפּגעשטעלט אַף מאָשקען מיט אַזױ פֿיל צער און מיט אַזױ פֿיל האָפֿענונג, אַז אַן אַנדערער אַף מאָשקעס אָרט װאָלט צעגאַנגען געװאָרן פֿאַר רחמנות, נאָר מאָשקעלע גנבֿ איז צוגעגאַנגען גאַנץ פֿרײלעך צו רב חײם חסיד, אַרױפֿגעלײגט אים בײדע הענט אַף די פּלײצעס און אַ זאָג געטאָן צו אים, װי מע רעדט צו אַ חבֿר, װאָס מע איז מיט אים גאָר „זאַפּאַני בראַטאַ.“

—ניע ראָבײ, ס'װעט זײַן רעכט!

אָט דאָס צוגײן פֿון מאָשקעלע גנבֿ, אָט דאָס אַרױפֿלײגן די הענט, אָט דער „ניע ראָבײ“, דאָס אַלײן איז שױן אױך געװען אַ גענוגע מפּלה פֿאַר חײם חסיד, װאָס האָט אַף זײַן לעבן נאָך ניט באַגעגנט זיך אַפֿילו מיט מאָשקעלע גנבֿ און ניט געהערט אים רעדן. נאָר אַז גאָט װיל שטראָפֿן אַ מענטשן, שטראָפֿט ער אים פֿון אַלע זײַטן...

און חײם חסיד דערמאַנט זיך אין איובֿן מיט זײַנע גרױסע צרות, טוט ער אַ טיפֿן קרעכץ און זאָגט „גם זו לטובֿה...“

## קאַפּיטל ז

*קערט זיך אום צוריק און שמועסט פֿון הױכע ענינים*

אױב אַ הױכע װוקס, ברײטע פּלײצעס, געזונטע פּיס און אַ גרױסע פּאַטלע שװאַרצע געקרײַזלטע האָר װערט אָנגערופֿן שײן, קאָן מען זאָגן אַף אונדזער העלד, אַז ער איז געװען אַ שײנער יונג. ער זאָל ניט זײַן מאָשקעלע גנבֿ, װאָלטן זיך אין מאַזעפּעװקע, קאָן זײַן, געפֿונען אַ סך מײדלעך, װאָס װאָלטן מיט פֿאַרגעניגן פֿאַר אים געגאַנגען און מע װאָלט אים נאָך געגעבן גאַרן אױך. אַ סבֿרה איז, אַז באַ אײניקע מײדלעך אין מאַזעפּעװקע האָט ער שטאַרק נושׂא־חן געװען אין די אױגן, און אײניקע זײַנען טאַקע ממש אױסגעגאַנגען נאָך

אים, באַגראָבן טיף באַ זיך אין האַרצן דעמדאָזיקן סוד און אַוועקגעטראָגן מיט זיך דעם סוד אפֿשר אין קבֿר אַרײַן.

אויך מיט חיים חסידס טעכטער פֿלעג זיך מאָשקעלע גנבֿ אָפּטמאָל באַגעגענען שבת באַטאָג אַפֿן שפּאַציר, זײ דורכנעמען דורך און דורך מיט די אויגן, דורס זײַן, ווי מע זאָגט, מיט דער ראיה. נאָר חיים חסידס טעכטער זײַנען געווען אַזוי ווײַט פֿון אים און ער פֿון זײ, אַז ער האָט אַפֿילו מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן זײ אַן איבעריקע מינוט, כאָטש זײ זײַנען אים שטאַרק־שטאַרק געפֿעלן, און מער פֿון אַלע די ייִנגסטע פֿון זײ — צירעלע. מיט צירעלען האָט ער איינמאָל געהאַט אַ באַגעגעניש אין אַ שמאָל געסל, שיִער־שיִער ניט אָפּגעשטעלט זי און געשענקט אַ קוש. אַ גליק, וואָס הענעך דער שוחט מיט די פֿלעשלדיקע פּאות איז אַקוראַט אָנגעקומען און האָט אַנידערגעשטעלט זײַנע קעלבערנע אויגן אַפֿן דאָזיקן פּאָר, געקוקט גלאַט אַזוי, ניט אין זינען צו האָבן זײ, אַפֿילו אין דער לינקער פּאה ניט.

דאָס אַנדערע מאָל האָט זיך מאָשקע באַגעגנט מיט איר בשעת ער איז געפֿאָרן רײַטנדיק און זי איז געגאַנגען מיט אירע שוועסטער צום טײַך זיך באָדן. דערזען אים אַפֿן פֿערד, האָבן זיך חיימס טעכטער אָפּגעשטעלט קוקן, ווי מאָשקעלע גנבֿ פֿאָרט רײַטנדיק. מאָשקע האָט דערזען, אַז מע קוקט אַף אים, האָט ער אונטערגעפֿידלט דאָס פֿערד און האָט זיך געלאָזט ווי אַ וויכער גלײַך צום טײַך און באַלד צוריק, שטאַרק חשק געהאַט פֿאַרבינדן מיט זײ אַ שמועס, נאָר ער האָט ניט געהאַט דאָס עזות אָנצוהייבן רעדן פֿריִער איידער זײ וועלן אים עפּעס פֿרעגן.

אויך זײ וואָלטן וועלן מיט אים עפּעס אַ רעד טאָן, נאָר וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס, אַן חיים חסידס טעכטער זאָלן רעדן בפֿרהסיה מיט אַ מאַנסביל, און נאָך מיט וואָסער אַ מאַנסביל — מיט מאָשקעלע גנבֿ! און אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט פֿאַרבײַ זײ מיטן פֿערדל, אָפּגעפֿירט זיך גלײַך ביז צום טײַך, זיך אַרומגעדרייט דאָרט אַ ביסל און געזען, אַז זײ קאָנען זיך איבער אים ניט אויסטאָן, איז ער אַוועק מיטן פֿערד ווײַט־ווײַט אונטערן שטאָט און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַזעלכע באַגעגענישן איז באַ זײ געווען אָפּטלעך, אַלע מאָל אָן ווערטער, און קיינמאָל איז צירלען אַף דער מחשבֿה ניט געקומען — וואָס איז די מעשׂה, וואָס ער פּלאָנטערט זיך אַזוי אָפּט פֿאַר די אויגן? צירעלע, ווי אַלע איבעריקע חיימס טעכטער, איז שוין געוווינט געוואָרן, אַז מאַנסבילן זאָלן אַף איר קוקן. באַ איר פֿאָטער אין ווײַנקעלער איז זי געוווינט געוואָרן אויך צו קאָמפּלימענטן

און צו ערגער נאָך, למשל: אַ גלעט איבער דער האַנט, אַ קניפּ אין בעקל, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס די „נאַכאַלן“ קאָנען זיך דערלויבן...

ניט אַזוי איז דאָס אָבער פֿאָרגעקומען באַ אונדזער העלד, באַ מאָשקען. מאָשקע האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט פֿונעם זינען אַף קיין מינוט, צירעלע מיט איר געשטאַלט, מיט איר שיין ליכטיק פּנים, מיטן קורצן נעזל און מיטן ווײַסן גוידערל און מיטן ווײַסן האַלדז, און אירע גרויע, אַ ביסל בײַזלעכע אויגן זײַנען געשטאַנען שטענדיק פֿאַר זײַנע אויגן, סײַ באַטאָג אַף דער וואָר, סײַ באַנאַכט אין חלום... געפֿלויגן פֿײַל אויסן בויגן העט ווײַט אונטערן שטאָט אַף אַ ברענענדיק פֿערד, פֿלעג ער ניט איינמאָל אויסשרײַען הויך אַף אַ קול איר נאָמען; ער האָט אויסגעזאָגט זײַן הייליקן סוד פֿאַרן שטילןברייטן פֿעלד, דערציילט פֿאַר די ביימער פֿונעם גרינעם וואַלד זײַן פֿאַרבאָרגענע ליבע צו חיים חסידס טאָכטער און זיך אַן עצה געהאַלטן מיטן קרישטאָלענעם טײַכל,

וואָס פֿליסט אַף יענער זײַט וועלדל: „וואָס טוט מען?“, „וואָס טוט מען...“?

נאָר ניט דאָס שטילע ברייטע פֿעלד, ניט דער גרינער וואַלד, ניט דאָס קרישטאָלענע טײַכל האָבן אים געקאָנט ענטפֿערן, אַן עצה געבן וואָס מע טוט, און ער האָט אַ קיצל געטאָן דאָס פֿערד און איז געפֿלויגן ווײַטער, בכדי צו פֿאַרפֿירן ווײַט־ווײַט זײַנע פֿאַרבאָרגענע געדאַנקען, זײַנע באַהאַלטענע געפֿילן...

אויב ס'איז געווען אַמאָל אין מאַזעפּעווקע צווישן ייִדן איינער אַזעלכער, וואָס האָט ליב געהאַט באמת מיט דער הייליקער דײַנער אמתער ליבע, און אָן אַ שום חשבון און אַ שום האָפֿענונג — איז דאָס געווען מאָשקעלע גנבֿ.

## קאַפּיטל ח

*גייט אַוועק אַביסל אָן אַ זײַט, נאָר האָט אַ שײַכות מיטן ראָמאַן*

האָבן מיר זיך צערעדט פֿון הויכע ענינים, פֿון ליבע, באַדאַרף מען שוין דערציילן דאָס אויך, אַז אונדזער העלד, מאָשקעלע גנבֿ, האָט שוין אַף זײַן לעבן „געשפּילט אַ ראָמאַן“ און אַ טרויעריקן דערצו.

דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען ער איז געווען נאָך אַ יונגער בחור און פֿלעג ערשט אָנהייבן אַרויספֿאָרן מיטן פֿאָטער, דער נבֿיא יונה, אַף די ירידים. געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין יאַרמעלינעץ אַפֿן יריד, איז ער פֿאַרפֿאָרן מיטן פֿאָטער אין יענעם אײַנפֿאָרהויז, ווו ס'שטעלן זיך אָפּ אַלע ליוועראַנטן, די פֿערדהענדלער, פֿערד־גנבֿים און גלאַט גנבֿים, צום מײַנסטן

ייִדן מיט מאָדנע רויטע פּנימער, מיט ברענענדיקע אויגן, רירעוודיקע פֿאַרשוינען, קלוגע, דורכגעטריבענע, וואָס פֿאַרשטייען זיך איינס דאָס אַנדערע אַפֿן ווונק.

אויסגעוואַקסן צווישן גנבֿים, איז באַ אונדזער מאָשקען ניט געווען קיין נאָווינע דידאָזיקע מינע פֿאַרשוינען וואָס רעדן אַף זייער אייגענעם שפּראַך און וואָס קוקן זיך אַרום אַלע מינוט אַף אַלע פֿיר זײַטן, לעבן אין שטענדיקע פּחדים, זײַנען תּמיד גרייט, אַז אָט־אָט קומען אָן די ,שפּאָרן“ (פּאָליציי), וועט מען זיי „טעכערן“ (כאַפּן) און פֿאַרשטעקן אין קאָטשומענט אַרײַן...

נאָר אַזעלכע גנבֿים ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין יאַרמעלינעץ אַפֿן יריד, האָט ער נאָך ניט געזען קיין מאָל. דאָס איז עפּעס גאָר פֿלאַם־פֿײַער, מלכי־קבלה און געִנוג. די מאַזעפּעווקער גנבֿים — די זײַנען ייִנגלעך, יאָלדן (איטלעכער, וואָס איז ניט קיין גנבֿ, הייסט באַ גנבֿים מיטן נאָמען „יאָלד“), אַקעגן זיי! ער האָט אַף זײַן לעבן ניט געזען דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען דאָ אין יאַרמעלינעץ; ער האָט אַף זײַן לעבן ניט געהערט דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט דאָ אַפֿן יריד, און מאָשקע האָט זיך רעכט צוגעקוקט צו דידאָזיקע פֿאַרשוינען, גוט צוגעהערט זיך צו זייערע לשונות און ער האָט משונה הנאה געהאַט פֿון זײַן נײַע באַקאַנטשאַפֿט, געקליבן פֿאַרגעניגן.

מער פֿון אַלעמען איז אים געפֿעלן דער ,מיידאַנטשיק“ (דער עלטערער פֿון די „מאַרוויכערס“ (קעשענע־גנבֿים), דאָס איז געווען אַן אַלט ייִדל אַ געפּאַקטס, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייטע צעלאָזטע גרויע באָרד, מיט קליינע שטאַרק רויטע אייגעלעך, וואָס האָבן אים תּמיד געשפּילט און געפֿינקלט. דער קאָפּ איז באַ אים געווען ווי צוגעוואַקסן גלײַך צו די ברייטע אַקסלען אָן אַ שום האַלדז, און אַז ער האָט זיך באַדאַרפֿט אַרומקוקן, האָט ער זיך געמוזט אויסדרייען מיטן גאַנצן גוף. אויך די הענט זײַנען באַ אים געווען מאָדנע הענט, ניט ווי באַ אַלע מענטשן. לאַנגע, ברייטע, מיט מאָדנע אויסגעבויגענע פֿינגער אַרויף. דידאָזיקע הענט מיט די מאָדנע פֿינגער, וואָס מאָשקע האָט אַף זיי אַזוי שטאַרק געקוקט, זײַנען געווען געבענטשטע הענט, זעלטענע אויסגעצייכנטע פֿינגער, וואָס אַ דאַנק זיי האָט ער באַקומען אַזאַ שיינעם נאָמען צווישן די גנבֿים. די דאָזיקע הענט מיט די פֿינגער אַז פֿלעגן זיך אַראָפּלאָזן צו יענעם נאָך אַ ,משׂא־ומתּן“ (אַ בײַטעלע מיט געלט) אָדער נאָך אַ „בימבער“ (אַ זייגערל), פֿלעג ער דאָס „שיסן“ (אַוועקגנבֿענען) אַזוי גרינג, אַז דער ,שטימפּ“ (דער באַגנבֿעטער) האָט ניט געקאָנט הערן, מע זאָל האָבן אַכצן פּאָר אויערן. דערדאָזיקער אַלטער איז אין די יונגע יאָרן ניט איין מאָל

„געצינטעוועט“ (געזעסן) אין דער „קאַלאַמאַזשניע“ (טורמע) מיט אַלע „שפּרינגערס“ (וואָס שלאָגן אָפּ שלעסער) און מיט אַלע „דערקאַטשעס“ (גזלנים) ביז ס'איז אים נימאס געוואָרן און ער האָט זיך געשטעלט באַ די „מאַרוויכערס“ פֿאַר אַ „מיידאַנטשיק“ און האָט זיי אײַנגעגעבן אין נדן אַרײַן זײַנס אַ טעכטערל „סאָנקע“, וואָס האָט געהאַט בירושה פֿון איר פֿאָטער זײַנע געבענטשטע הענט מיט זײַנע אויסגעצייכנטע פֿינגער.

## קאַפּיטל ט

*ער כאַפּט פּעטש גאָר אומגעריכט*

„סאָנקע“ איז אין יענער צײַט נאָך ניט אַלט געווען קיין רעכטע פֿופֿצן יאָר, נאָר אויסגעזען האָט זי ווי אַ מיידל פֿון אַכצן, געבליט ווי אַ יונגע רויז, וואָס האָט נאָר־וואָס צעלאָזט די שיינע שמעקנדיקע סאַמעטענע בלעטעלעך; אַרויסגעקוקט אַף גאָטס וועלט לעבעדיק, פֿריילעך, מיט אמונה און מיט בטחון, מיט אמונה, אַז די וועלט איז אַ גוטע, אַ זיסע וועלט, און מיט בטחון אַז די מענטשן זײַנען גוטע, ערלעכע מענטשן...

סאָנקע איז געווען אַ טונקעלע, אַ שוואַרצע, נאָר אַ חנעוודיקע, מיט שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אייגעלעך, מיט חן־גריבעלעך אין די פּעכקע בעקעלעך און מיט קליינע ווײַסע ציינדעלעך, וואָס מע האָט זיי שטענדיק געקאָנט אַרויסזען, וואָרעם זי פֿלעג זייער אָפֿט לאַכן און מיט איר געלעכטער מאַכן אויך אַלעמען לאַכנדיק, דאָרט, ווו סאָנקע איז געווען, האָט ניט געקאָנט זײַן אומעטיק: זי האָט מיט זיך געטראָגן אַ מין לעבעדיקייט, אַ מין פֿריילעכקייט, וואָס האָט געקאָנט צעטרײַבן די גרעסטע מרה־שחורה, ווי די זון מיט איר ליכטיקער שיין גאַנץ פֿרי תּחילת זומער, בשעת די פֿייגעלעך קלײַבן זיך צונויף זאָגן שירה.

נאָר איין מאָשקע האָט זיך געפֿילט מיט איר עפּעס ניט ווי עס געהער צו זײַן. עפּעס איז זי אים געווען ווי אַביין אין האַלדז. ניט מחמת ער האָט זי ניט געקאָנט ליידן, חלילה! אַדרבא, דעם גאַנצן טאָג, וואָס זי איז געווען „אַף דער אַרבעט“, האָט ער נאָך איר געבענקט ווי נאָך אַן אייגענער, ווי נאָך אַ שוועסטער, נאָר אַז זי איז געקומען, זיך איבערגעטאָן און זיך געזעצט צום טיש מיט אַלע „מאַרוויכערס“, געגעסן, געטרונקען מיט זיי אינאיינעם און געלאַכט ווי איר שטייגער איז, האָט דאָס אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ. און מער פֿון אַלע האָט אים געברענט אַף איר, וואָס זי איז געווען

צוגעלאָזט צו איינעם אַ יונגנמאַן מיט אַ געשטופּלט פּנים און מיט איין אויג, וואָס פֿונדעסטוועגן איז ער געווען אַ גוטער „שניפּער" (אַ נאַכט־גנבֿ; און אַ בריה אַ „וועשער" (וואָס באַגנבֿעט שלאָפֿנדיקע), מיט אים פֿלעגט סאָנקע זיך אָפּט סודען און אַרויסגיין אָפֿטמאָל באַנאַכט „אַף דער אַרבעט" — און דאָס האָט מאָשקע ניט געקאָנט פֿאַרדייען. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געקליבן איר זאָגן, איר פֿירהאַלטן דאָס, נאָר עס האָט זיך אַלץ ניט אויסגעמאַכט, ביז ער האָט זי איינמאָל געפּאַקט, בשעת זי איז אַרויסגעגאַנגען איינע אַליין אַפֿן יריד אָנגעטאָן אין מאַנסבילשע קליידער.

מאָשקע האָט זי אָפּגעשטעלט און ס'איז צווישן זיי פֿאָרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

ער: „שטיי, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן."

זי: „ווער ביסטו"?

ער: „האָסט מיך ניט דערקענט? מאָשקע פֿון מאַזעפּעווקע, דעם נבֿיא יונהס זון.."

זי „וואָס ווילסטו זאָגן, דעם נבֿיא יונהס זון פֿון מאַזעפּעווקע"?

ער: „וואָס פֿאַר אַ מחותּן איז מיט דיר אָט אַ יענער שניפּער דער געשטופּלטער"?

זי: „וואָס גייט עס דיך אָן, דו יאָלד איינער"?

ער: „אָט טו איך איין פֿײַף, ווײסטו וויסן וואָס פֿאַר אַ יאָלד איך בין."

* * *

און איידער אונדזער מאָשקע האָט זיך אַרומגעקוקט, איז אים געפֿלויגן אַזאַ שאַרפֿער, הילכיקער קלינגענדיקער פּאַטש פֿון סאָנקעס הענטל מיט אירע אויסגעצייכנטע פֿינגער, אַז ער איז גאָר פֿריטשמעליעט געוואָרן, ניט אַזוי פֿונעם פּאַטש, ווי פֿאַר בזיון, אַז ער, מאָשקע, זאָל כאַפּן אַ פּאַטש פֿון אַ מיידל! נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען נישקשה, ווען קיינער זאָל כאָטש ניט וויסן. ערגער פֿון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס סאָנקע אַליין, אַז זי איז געקומען פֿון דער אַרבעט אַהיים, אַף דער אַכסניא, האָט זי דאָס אויסגעפּויקט, דערציילט דעם גאַנצן עולם, בשעת־מעשׂה שטאַרק געלאַכט, באַוויזן איטלעכן אירע ווײַסע ציין.

מאָשקע איז גערן געווען, אַז עס האָט זיך געענדיקט דער יריד און איז אַוועקגעפֿאָרן מיטן פֿאָטער אַהיים, אַוועקגעפֿירט מיט זיך אין האַרצן דעם פּאָרטרעט פֿון סאָנקעס הענטל מיט אירע אויסגעצייכנטע פֿינגער, דעם

פּאָרטרעט, וואָס ער האָט אים לאַנג־לאַנג נאָכדעם ניט געקאָנט פֿאַרגעסן, דער פּאָרטרעט, וואָס פֿלעג אים קומען אָפּט צו חלום, דערמאַנען אים יענעם שאַרפֿן, הילכיקן, קלינגענדיקן פּאַטש און יענעם שאַרפֿן, הילכיקן, קלינגענדיקן געלעכטער.

נאָר דאָס איז געווען אַזוי לאַנג, אַז דער פּאַטש האָט זיך פֿאַרהיילט און דער ראָמאַן האָט זיך פֿאַרגעסן. די צײַט איז אַ ווילער דאָקטער, וואָס פֿאַרהיילט אַלע ווונדן.

וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן דעם דאָקטער?!

## קאַפּיטל י

*ער פֿאַלט אַף אַן עצה*

נאָך אַז ער איז געגאַנגען אַהין צו חיים חסיד אין שטוב אַרײַן איז שוין בײַ אים אין קאָפּ געווען פֿאַרטיק אַ גאַנצער פּלאַן, און ניט נאָר איין פּלאַן, עטלעכע מיט אַמאָל. איין פּלאַן אין בײַ אים געווען אַזעלכער: ער וועט זיך איבערטאָן אין מלבושים פֿון אַ מאָנאַך. דער אַנדער פּלאַן אין בײַ אים געווען, אַז ער וועט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ בעטלער. נאָך אַ פּלאַן איז בײַ אים געווען, ער זאָל זיך אָנטאָן ווי אַ טשינאָווניק פֿון אַקציז, צופֿאָרן צום מאָנאַסטיר און הייסן זיך אַרויספֿירן פֿון דאָרטן דאָס ייִדישע מיידל, כאַפּן צו זיך אַפֿן פֿערד און אַנטלויפֿן מיט איר ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.

די אַלע פּראָיעקטן, אַז ער האָט זיי רעכט צעקײַט, האָט ער אַרויסגעזען, ווי נאַריש זיי זײַנען און ער האָט זיי נאָכדעם אַליין מבֿטל געווען און האָט צוגעטראַכט גאָר אַ נײַעם פּלאַן, אַ גרויסן און אַ געפֿערלעכן פּלאַן.

ער איז געקומען אין מאָנאַסטיר אַרײַן, גלײַך צום עלטסטן, און האָט אים אויסדערציילט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ, אַזוי ווי בײַ די ייִדן איז ער אַ „לא יבֿא בקהל“, קיינער וויל מיט אים ניט האָבן קיין מגע־ומשׂא, קיינער וויל זיך מיט אים ניט משדך זײַן, און מע רופֿט אים מיט זייער אַ שענדלעכן נאָמען „גנבֿ“, וויל ער ווערן אַ בעל־תּשובֿה, איבערבײַטן די מלאָכה, דעם נאָמען און דעם גלויבן; נאָר מחמת ער האָט מורא די ייִדן זאָלן אים ניט דעקוטשען, בעט ער, מע זאָל אים באַשיצן פֿון ייִדישע הענט.

דער עלטסטער האָט אים אויסגעהערט, איבערגעפֿרעגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און האָט אים צוגענומען, אים געגעבן אַן אָרט אין מאָנאַסטיר און מבֿטיח געווען אַז עס וועט אים, חלילה, גאָר ניט שאַטן — און מער האָט

מאָשקעלע ניט געוואָלט. ער האָט נאָר באַדאַרפֿט האָבן, אַז צירעלע זאָל זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דעם נײַעם פֿאַרשוין, וואָס איז אַרײַנגעטראָטן אין מאָנאַסטיר אַרײַן, און זאָל זיך וועלן מיט אים באַקענען, און זײַן חשבון איז געווען אַן אמתער חשבון.

צירעלע, וואָס איז געזעסן איינע אַליין ווי אין געפֿענגעניש, מע האָט ניט צוגעלאָזט צו איר קיינעם, אַז זי האָט דערהערט, אַז אַ מאַזעפּעווקער יונגערמאַן איז געקומען אין מאָנאַסטיר אַרײַן אָננעמען דעם נײַעם גלויבן, האָט זי ראשית זייער געוואָלט וויסן ווער איז דער ייִד? און אַגבֿ האָט זיך איר געוואָלט אָפּנעמען אַ גרוס פֿון דער היים, פֿון אירע אייגענע, וואָס דאָס האַרץ האָט איר ניט אויפֿגעהערט צו זיי ציִען; און ווי ווײַט איבערראַשט איז זי געווען, אַז זי האָט דערזען פֿאַר זיך מאָשקעלע גנבֿ!

צירעלע האָט אים גוט געקענט, וואָרעם ווער קען ניט מאָשקעלע גנבֿ אין מאַזעפּעווקע? און זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וועלכעס האָט אים געקאָנט ברענגען אַהער צו טראָגן, אַזאַ פֿרײַ פֿייגעלע ווי ער איז, וואָס ער קאָן טאָן וואָס ער וויל און וואָס זײַן האַרץ גלוסט? זי האָט זיך ניט געשעמט, אַליין צוגעגאַנגען צו אים און געפֿרעגט, וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?

האָט זיך מאָשקע פֿאַר איר מודה־ומתוודה געווען. איר אויסדערציילט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ, אַזוי ווי באַ ייִדן איז ער אַ לא יבֿא בקהל, קיינער וויל מיט אים ניט האָבן קיין מגע־ומשׂא און אַזוי ווײַטער, פּונקט דאָס אייגענע, וואָס ער האָט געזאָגט פֿאַרן עלטסטן, און האָט אויסגעלאָזט מיט אַ זיפֿץ, כאָטש ס'איז אים געווען זייער שווער צו גיין אַהער, נאָר דאָס לעבן איז אים געווען אַזוי ביטער, אַזוי ביטער...

האָט אַף אים צירעלע שטאַרק רחמנות געהאַט, אים געטרייסט, און אויסדערציילט פֿאַר אים אויך אירע צרות, ווי אַזוי זי האָט זיך אויך לאַנג געראַנגלט מיט זיך אַליין, ביז זי האָט געפּועלט באַ זיך אַוועקוואַרפֿן טאַטע און מאַמע, שוועסטער און ברידער, וואָס סע טוט איר וויי דאָס האַרץ אַף זיי און קאָן זיי גאָר ניט העלפֿן! „ס'איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, האָט זי אויסגעלאָזט, אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, וואָרעם תּיכּף נאָך זייער יום־טובֿ...

באַ די ווערטער „זייער“ יום־טובֿ האָט זיך צירעלע פֿאַרכאַפּט און געוואָרן רויט ווי פֿײַער, זיך אָפּגעזעגנט מיט מאָשקען ביז מאָרגן, מאָרגן וועלן זיי זיך מסתּמא זען נאָכאַמאָל אין מאָנאַסטירסקע הויף.

—אָדער אפֿשר אין גאָרטן? — האָט ער איר געענטפֿערט.

—אָדער אפֿשר אין גאָרטן — האָט אים צירעלע נאָכגעזאָגט.

## קאַפּיטל י"א

*אַ שפּאַציר אין מאָנאַסטירסקע גאָרטן*

זינט מאָשקע געדענקט זיך פֿאַר אַ מענטשן האָט זיך אים נאָך ניט געטראָפֿן, ער זאָל אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפֿן און זײַן אין אַזעלכע פּחדים. מאָשקע וואָס שוין געפּרוּווט שפּרינגען רײַטנדיק צען מײַל אין איין נאַכט אָן אַן אָפּשטעל; ער האָט שוין געפּרוּווט „פּלײַטעווען" מיט „אָפּגעשפּיליעטע" פֿערד, הערן אונטער די פּלײצעס ווי מע שיסט אַף אים; ער האָט געפּרוּווט שפּרינגען איבער פּלויטן, שווימען איבער וואַסערן, שטיין בײַ דער גרעסטער סכּנה; נאָר אַזאַ נאַכט ווי אין מאָנאַסטיר האָט ער נאָך ניט געהאַט קיינמאָל אַף זײַן לעבן. ווי אַ לייב אין שטײַג האָט ער אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן חדרל, געקוקט אַלע מאָל אין פֿענצטער, געוואָלט ס'זאָל שוין ווערן טאָג. און אַז גאָט האָט געהאָלפֿן ס'איז געוואָרן טאָג, האָט מאָשקע געגעבן צו וויסן, אַז ער גייט אין שטאָט אַרײַן אַף אַ שעה צײַט אַכטונג געבן, וואָס טוען די פֿערדלעך זײַנע, און עס האָט טאַקע מער ניט געדויערט ווי איין שעה, איז ער צוריק געקומען אַ פֿאַרסאַפּעטער, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאָרוואָס אָפּגעטאָן זייער אַ שווערע אַרבעט.

די מאָנאַכעס פֿון מאָנאַסטיר האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס די הענט זײַנען בײַ אים אַזוי צעדראַפּעט, גלײַך ווי ער וואָלט געשפּרונגען איבער אַ פּלויט... האָט ער זיי באַרויִקט, געזאָגט, אַז ער האָט זיך געפּאָרעט מיט די פֿערד, און איז אַוועקגעגאַנגען צום עלטסטן תּשובֿה טאָן...

באַטאָג, ווען די מאָנאַכעס עסן אָפּ און לייגן זיך שלאָפֿן, אָדער זיי נעמען זיך צו אַן אַרבעט, און דער גאַנצער מאָנאַסטיר רוט, מע זעט ניט קיין פֿרעמדן מענטשן, קיין דאַוונערס, קיין בעטלערס, פֿלעגט צירעלע אַרויסגיין אַפֿן הויף אַביסל, שפּאַנען פֿון איין עק צום אַנדערן, אָן אַ שום ציל, נאָר גלאַט אַזוי „אַפֿן שפּאַציר", איצטיקס מאָל האָט זיך צירעלע אַרומגעקוקט אַף אַלע זײַטן, געזוכט עמעצן מיט די אויגן, און זי האָט דערזען פֿון דער ווײַטן מאָשקע שפּאַנט מיט זײַנע גרויסע פֿיס, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פֿרײַנטלעך שמייכעלע, וואָס בײַ מאָשקען האָט זיך דערפֿון אָנגעצונדן אַ פֿײַער אין האַרצן,

אַ העליש פֿײַער, נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן ווי ווײַט מעגלעך, צוגעגאַנגען און אַנידערגעזעצט זיך אַף אַן אויסגעהאַקטן בוים, וואָס איז געלעגן אין הויף...

—קום, וואָס וועלן מיר זיצן? האָט זיך אָנגערופֿן צו אים צירעלע.

—וווהין?

—איבערן הויף.

—אפֿשר אין גאָרטן?

צירעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ ווײַלע, אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט צו אים: — אין גאָרטן? — אין גאָרטן.

דער מאָנאַסטירסקע גאָרטן אין מאַזעפּעווקע — דאָס איז אַ מין פֿעסטונג, וואָס פֿון דרויסן איז שווער אַהינצו אַרײַנקומען. פֿון איין זײַט, וואָס גייט צו דער שטאָט, איז ער געצאַמט מיט אַ הויכן שטיינערנעם פּאַרקאַן, באַוואַקסן מיט בלעטער, און פֿון דער אַנדערער זײַט, וואָס אונטער דער שטאָט, איז ער אַחוץ אַרומגעגראָבן מיט אַ קאַנאַווע און באַוואַקסן מיט שטעכלקעס. דער גאָרטן אַליין איז איינע פֿון די גרויסע חידושים, אַ מין „גן־עדן התחתון“, ווי מע זאָגט אין מאַזעפּעווקע, כאָטש קיינער פֿון די מאַזעפּעווקער ייִדן האָט דאָרטן אינווייניק נאָך ניט געהאַט די זכיה צו זײַן, דאָס איינציקע, וואָס די מאַזעפּעווקער ייִדן האָבן פֿון אים, איז נאָר דאָס, וואָס זומער שמעקן זיי זיך אָן דעם ריח פֿון די ביימער, וואָס דאָס ווינטעלע פֿאַרטראָגט צו זיי, און הערן זיך אָן דאָס זינגען פֿונעם סאָלאָוויי, וואָס לאָזט זיך הערן פֿון דאָרטן אין די וואַרעמע זומערנעכט.

פּסח־צײַט. עס האָט זיך נאָר־וואָס אויפֿגעכאַפּט די וועסנע; עס האָט נאָר־וואָס אויפֿגעלעבט די נאַטור; עס איז נאָך ניט געווען רעכט גרין די ערד, און די ביימער פֿונעם מאָנאַסטערסקן גאָרטן האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַרויסלאָזן געלע פּיטומלעך, וואָס אָט־אָט, לאָז נאָר גוט אַ וואַרעם טאָן די זון, צענעמען זיי זיך און באַווײַזן זיך אַרויס מיט קליינע גרינע בלעטעלעך. פֿריש, מחיהדיק פֿריש האָט געשמעקט די ערד. נאָך ניט רעכט אויסגעטריקנט, ערטערווײַז צוגעדעקט שוין מיט גרינעם סאַמעט, און עטלעכע פֿייגעלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די צווײַגן, געשפּרונגען פֿון איין בוים אַפֿן אַנדערן, זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט די פֿיסקעלעך, געבלינצלט מיט די אייגעלעך, געפּישטשעט שטילערהייט, זיך אָנגעזאָגט איינס דאָס אַנדערע אַ בשׂורה, אַז סע גייט צו זומער.

אין אַזאַ צײַט גלוסט זיך נאָך מער אינדרויסן ווי אין רעכטן זומער. אין אַזאַ צײַט איז די שײַן פֿון דער זון שטאַרק אָנגעלייגט, איטלעכער שטראַל אירער איז אַ מתּנה פֿון גאָט, און דער מענטש פֿילט, אַז ער האָט עפּעס אַ שײַכות

מיט דער ערד און מיט אַלץ, וואָס סע טוט זיך אַף דער ערד, און מיט דער גאַנצער גרויסער וועלט, מיט דעם, וואָס האָט באַשאַפֿן דידאָזיקע גרויסע וועלט.

ביידע, אי צירעלע אי מאָשקע, זײַנען געגאַנגען שטיל, פֿאַרטיפֿט איטלעכער אין זײַנע מחשבֿות, איבערגעגעבן איטלעכער צו זײַנע געפֿילן, ביידע, אי צירעלע אי מאָשקע, זײַנען געווען אין די עולמות העליונים, אינעם גן־עדן, וואָס זײַן נאָמען איז „ליבע". דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס פֿרעגט ניט קיין קשיות, וואָס וויס ניט קיין איבערשלאָג, וואָס דאַרף ניט קיין פּירוש. דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס רײַסט אײַזערנע קייטן, וואָס ברעכט שטאַרקע מויערן, וואָס צעשײַדט די נאָענטסטע און בינדט צונויף די ווײַטסטע. דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס טוט מעשׂים אַשר לא יעשׂו...

## קאַפּיטל י"ב

*הינער לייגן אייער, ייִדישע טעכטער קינדלען*

אויסגעוואַקסן אין אַזאַ שטוב ווי באַ חיים חסיד, אונטער דער השגחה פֿון אַ פֿרומען טאַטן און פֿון אַן ערלעכע מאַמע, און געזען פֿאַר זיך וואָס פֿאַר אַ לעבן אירע עלטערע שוועסטער האָבן געמאַכט, וואָס פֿאַר אַ מאַנען מע האָט זיי געגעבן, איינער נאַרישער פֿונעם אַנדערן, האָט צירעלע תּמיד געחלומט פֿון אַן אַנדער מין לעבן. איר השגה איז געווען ניט די, וואָס באַ אירע עלטערע שוועסטער, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז געווען נאָר טראָגן און האָבן און זויגן, און נאָכאַמאָל טראָגן, און ווידעראַמאָל האָבן, און אָבער אַ מאָל זויגן. קיין פֿרײַע מינוט, קיין לעבעדיקע שעה, נאָר געדענקען די ווערטער „לעשׂות רצון בעלה"— טאָן דעם מאַנס ווילן...

ניט איין מאָל פֿלעג זיך צירעלע פֿאַרטראַכטן אַף דער דאָליע פֿון אַ ייִדישער טאָכטער, וואָס האָט אויסגעזען באַ איר אין די אויגן ווי די ראָליע פֿון אַ הון אַ קוואָקע, וואָס זיצט אַף די אייער, וואַרעמט זי אויס ביז סע פּיקען זיך אויס הינדעלעך; נאָכדעם הייבט זי אָן ווידער קוואַקען, טראָגן פֿרישע אייער און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער...

אויב עס וועט אײַך ניט זשענירן דאָס פֿאַרגלײַכן, באַדאַרף איך אײַך זאָגן, אַז באַ חיים חסיד איז געווען אַ שטוב פֿון גאָלע קוואָקעס, אַ פֿאַבריקע פֿון קינדער. אַלע טעכטער האָבן חתונה געהאַט יונגערהייט, איינע נאָך דער אַנדערער, פֿאַר זײַדענע יונגעלײַט, שיינע איידעמלעך, געזעסן אַף קעסט און

געקינדלט. און חיימס ווײַב אַליין, וואָס איז געווען ניט קיין אַלטע ייִדענע, האָט אויך געהאַלט אין רעכטן קינדלען, אַזוי אַז צום טיש זײַנען געגאַנגען תּמיד עטלעכע מאַמעס זייגערינס. פֿון די וויגעלעך האָט זיך תּמיד געלאָזט הערן אַ פּישטשען פֿון עטלעכע פּיסקליאַטעס, מע קאָן זאָגן, אַז ס'איז כּמעט ניט געווען דער חודש, אַז באַ חיים חסיד זאָל ניט זײַן עפּעס אַ שׂימחה: אַ מזל־טובֿ, אַ בן־זכר, אַ ברית, אַ פּדיון־הבן. אָדער אַן אומגליק: דאָס קינד מאָזלט, יענץ גליט אַף פּאָקן, דאָס האָט דיפֿטעריט, יענץ שקאַרלאַטינע, און די מוטערס האָבן געהאַט צו טאָן טאָג ווי נאַכט, די מיט שווער טראָגן, די מיט אַ ברוסט, די מיט אַן אַם, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפֿן אין מיטן זויגן, די מיט אַ ניאַנקע, וואָס האָט שיִער ניט געמאַכט דאָס קינד פֿאַר אַ קאַליקע — אַ שטענדיקער טאַראַראַם, אַ טומל, אַ הו־האַ.

אין דעמדאָזיקן טומל איז געקומען רב שלום שדכן רעדן אַ שידוך דער ייִנגסטער פֿון די טעכטער, צירעלע, און צירעלע האָט אויסגעהערט דעם גאַנצן שמועס פֿון רב שלום שדכן, אַז ער רעדט איר אַ שידוך אַף דעם שניט פֿון יענע פֿריִערדיקע שידוכים. אַ „טאַטנס אַ קינד“, פֿון אַ שיין אָרט, אַ לײַטישן שידוך, און עס האָט זיך איר פֿאָרגעשטעלט, אַז מע האָט איר שוין געגעבן אַזאַ מאַן ווי אירע עטלעכע שוועסטער, כּמו ווי אַ מין אליהו־נח, אַ שיינער בעל־לשון און אַ בעל־תּנ"ך מיט אַ זײַדענעם קאַשקעט אינדערוואָכן, און שנײַצט די נאָז בריהש מיט איין פֿינגער, און זי האָט שוין חתונה געהאַט פֿאַר אים, און זי האָט שוין אָנגעהויבן קינדלען, און זי האָט שוין צו טאָן מיט דער ברוסט, מיט דער אַם און מיט דער ניאַנקע — און ס'איז איר נימאס געוואָרן די וועלט, דאָס לעבן און די מענטשן, און זי האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז זי וועט אַזוי ניט חתונה האָבן ווי אירע שוועסטער האָבן חתונה געהאַט; זי וועט אַנדערש אויפֿבויען איר לעבן. ווי אַזוי? — דאָס האָט זי נאָך אַלץ נישט געוווּסט אַקוראַט.

סאַמע אין יענער צײַט האָט זי זיך באַקאַנט מיטן נײַעם אַקציזנע טשינאָווניק, מאַקסים טשובינסקי.

## קאַפּיטל י"ג

*רעדט פֿון פֿילאָסאָפֿיע, פֿון ליבע און פֿון נאָך זאַכן*

דער נײַער אַקציזניק, מאַקסים טשובינסקי, אַז ער איז אָנגעקומען קיין מאַזעפּעווקע, האָט ער געווײנטלעך געמאַכט אַ וויזיט דער „חיימאָוואַ“ אין קעלער, פֿאַרזוכט חיימס „וויִמאָראָזיק“, וואָס איז געמאַכט פֿון ראָזשינקעס,

וואָס אַלע אַדונים ווייסן דאָס גאַנץ גוט און פֿונדעסטוועגן טרינקען זי אים גערן און זאָגן, אַז ער איז גאָר ניט שלעכט, בפֿרט, אַז דעם „וימאָראָזיק" דערלאַנגט איינע פֿון חיימאָוואַס טעכטער, ובפֿרט נאָך די ייִנגסטע פֿון זיי, צירעלע, אָדער ווי די אַדונים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „פֿאַנאַ צעציליאַ."

„פֿאַנאַ צעציליאַ" איז געווען דאָ איטלעכן פֿון זיי אַ גדלות, אַז זי האָט דערלאַנגט צום טיש, און ס'איז געווען לאַוו כל אָדם זוכה, אַז „פֿאַנאַ צעציליאַ" זאָל דערלאַנגען דאָס ביסל וויַין. און מחמת טשובינסקי איז געווען אַ נייַער גאַסט און אַן אַקציזניק, האָט די חיימאָוואַ געזען, צירעלע זאָל ניט אָפּטרעטן, באַדינען די געסט ווי געהער צו זייַן. און צירעלע האָט ניט אָפּגעטראָטן און באַדינט די געסט ווי סע געהער צו זייַן, און די געסט האָבן זיך באַרימט פֿאַרן נייַעם אַקציזניק מיט זייער „זשידאָוועטשקע", זיך איבערגעוואָרפֿן מיט ווערטער, אַ פּנים, זייער קלוגע און זייער שאַרפֿע, מחמת זיי האָבן בשעת־מעשׂה עפּעס משונה געלאַכט און איבערגעוווּנקען זיך אייַנס מיט דאָס אַנדערע עפּעס זייער מאָדנע...

איין טשובינסקי האָט ניט געלאַכט. פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט דערזען אָט דאָס שיינע ייִדישע מיידל, איז ער געווען פֿאַרטראַכט, זיך געבראָכן דעם מוח, ווו האָט ער זי געזען?

עס האָט זיך אייַך געטראָפֿן אַמאָל מן־הסתּם זיך באַגעגענען אונטערוועגנס מיט אַ פּאַרשוין, וואָס עס דאַכט זיך אייַך אויס, אַז איר האָט אים שוין ערגעץ געזען, אָדער הערן אַ געדאַנק, וואָס עס דאַכט זיך אייַך אויס, אַז איר האָט אים שוין ערגעץ געהערט, נאָר ווען און ווו — דאָס קאָנט איר בשום אופֿן ניט דערמאָנען זיך. געלערנטע מענטשן זאָגן דערויף פֿאַרשיידענע סבֿרות און מיינונגען, גיבן דאָס צו פֿאַרשטיין על־פּי חקירה, אַז צווישן מענטשן איז פֿאַראַן אַ מין מאַגנעט, וואָס ציט איינס צום אַנדערן, אַ מין כּוח, וואָס טרייַבט איינס צום אַנדערן פֿון מרחקים, נאָך איידער מע האָט זיך געזען, נאָך איידער מע האָט געהערט איינס פֿונעם אַנדערן. די פֿילאָסאָפֿן האָבן ניט וואָס צו טאָן; זיי רעדן אַזוי פֿיל ביז זיי דעררעדן זיך צו אַזעלכע זאַכן ווי, אַ שטייגער, דאָס, וואָס ווערט אָנגערופֿן באַ אונדז אַ „זיווג". אַ שיינע מעשׂה — מאַקסים טשובינסקי און חיים חסידס טאָכטער — אַ זיווג!.. נאָר לאָמיר אַוועקוואַרפֿן די פֿילאָסאָפֿיע און אומקערן זיך צו אונדזער ראָמאַן.

פֿאַראַן אַ שפּראַך אַף דער וועלט, וואָס האָט ניט קיין אלף־בית, קיין גראַמאַטיק, קיין לעקסיקאָן, קיין ווערטערבוך. סימפּאַטיע הייסט די שפּראַך;

ניט מיטן מויל — מיט די אויגן רעדט מען אַף איר: איין קוק אַ רעכטער — און פֿאַרשטאַנען! אַ קוועטש באַ דער וואַנט — און פֿאַרטיק.

אַף דערדאָזיקער שפּראַך האָבן זיך דורכגעשמועסט אונדזערע העלדן, און, אַ פּנים, מע האָט זיך גיך פֿאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע, וואָרעם ס'איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין חודש צײַט פֿון זינט טשובינסקי איז אָנגעקומען קיין מאַזעפּעווקע, האָט שיין די פּאָסט אַוועקגעפֿירט אַ בריוו צו זײַן אייניציקן גוטן פֿרײַנט, צו זײַן מוטער ערגעץ ווײַט אין סאַראַטאָווער גובערניע, וווּ ער איז זיך פֿאַר איר מודה־ומתוודה, דערציילט איר די גאַנצע מעשׂה, ווי אַזוי ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ ייִדיש מיידל, וואָס ער האָט שוין לאַנג געטראָגן איר געשטאַלט באַ זיך אין האַרצן, ווי אַזוי ער האָט זיך אײַנגעליבט אין איר ביז צום שטאַרבן... ווי אַזוי ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיטן יצר־הרע און מיטן שׂטן און האָט סוף־כּל־סוף געפּועלט באַ זיך ער זאָל זיך איר אַנטדעקן, אויסזאָגן דעם סוד, אַז ער קאָן אָן איר ניט לעבן... ווי אַזוי דאָס מיידל, אַז זי האָט דערהערט פֿון אים דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אָנגעהויבן וויינען און זאָגן, אַז צום אומגליק קען פֿון דעם גאָרניט זײַן, געגעבן אים אָנצוהערעניש, אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער... ווי אַזוי ער האָט זי גענומען טרייסטן און אויסווײַזן, אַז ס'איז דאָ זאַכן אַזעלכע, וואָס שטייען העכער פֿון אַלצדינג אַף דער וועלט, וואָס צוליב זיי פֿאַרלאָזט מען די היים, מע געזעגנט זיך אָפּ מיט עלטערן, מע בײַט אויס אַלצדינג, אי די היים, אי דעם נאָמען, אי דעם גלויבן... ווי אַזוי זי האָט ערשט אָנגעהויבן צו וויינען, אַז זי האָט דערהערט פֿון אים אַזעלכע ווערטער און איז פֿונדעסטוועגן געפֿאַלן אים אַפֿן האַרצן, אָנגעהויבן בעטן באַ אים, ער זאָל איר געבן כאָטש עטלעכע טעג צײַט אַף צו באַקלערן זיך... און נאָך זאַכן האָט מאַקסים טשובינסקי געשריבן דער מוטער, נישט פֿאַרלייקנט פֿון איר קיין וואָרט, אַזוי ווי ער איז געוווינט געוואָרן פֿון תּמיד אָן גיין מיט איר נאָר מיטן אמת...

דערויף האָט מאַקסים באַקומען פֿון זײַן מוטער אַ תּשובֿה אין קורצן, אַז אויב דאָס מיידל, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען טשובינסקי (און זי איז אין דעם ניט מסופּק, וואַרעם זי איז באַגלויבט אין איר זון), און אויב זײַנע געפֿילן צום מיידל זײַנען אַף אַזוי פֿיל ערנסט, אַז אַנדערש קען דאָס ניט זײַן, שיקט זי איר ליבן זון אַ ברכה, און ווינטשט אים ס'זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה, און האָפֿט, אַז גאָט וועט אים געוויס מוחל זײַן, וואָרעם ער איז מקיים אַ נפֿש, און אַזוי ווײַטער, ווי געוויינטלעך אַ מוטער שרײַבט צו אַ קינד.

## קאַפּיטל י"ד

*ייִדן קויפֿן וויַין אַף אַרבע כּוסות*

אַ גאַנץ יאָר איז חיים חסידס קעלער אָפֿן פֿון די אַדונימס וועגן, דערפֿאַר אָבער, אַז סע קומט ערבֿ־פּסח, איז חיים חסיד מיט זײַן הויזגעזינד און מיטן קעלער און מיטן גאַנצן וויַין משועבד צו די בני־ישׂראל פֿון מאַזעפּעווקע.

אויב איר ווילט האָבן אַ באַגריף ווי אַזוי איז פֿאָרגעקומען יציאת־מצרים אין משה־רבינוס צײַטן, זאָלט איר זיך מטריח זײַן אַראָפּלאָזן זיך ערבֿ־פּסח צו חיים חסיד אין קעלער אַריַין, בשעת ייִדן קלײַבן וויַין אַף אַרבע כּוסות. אַ גאַנץ קיַילעכיק יאָר באַגייען זיך ייִדן ברוך־השם אָן וויַין, מאַכן קידוש איבער חלה און טרינקען וואַסער פֿון דעם טײַך שטינקיילאָ, און קומט ערבֿ־פּסח ווערט מען גרויסע מפֿונקים, געפּעסטעטע, געבאַלעוועטע בני־מלכים און גרויסע איבערקלײַבער, שאַרפֿע מבֿינים אַף וויַין. — וויַין אַליין איז בלאָטע! אַ ווימאָראָזיק וויל מען! און אַ גוטן ווימאָראָזיק, אַ קאָוועשאַנער! נאָר כאַפּט ניט, ווימאָראָזיק אַליין אין בלאָטע! מע באַדאַרף צו אים צוזעצן אַ מין „זמירער". און זמירער אַליין אין אויך בלאָטע! מע באַדאַרף צוזעצן צום „ווימאָראָזיק" מיטן „זמירער" נאָך אַ מין וויַין, אַזאַ מין, וואָס זאָל געבן אַ צופּ באַם שפּיץ צונג און זאָל פֿונדעסטוועגן ניט בראָטן באַם האַרצן, און זאָל זײַן שטאַרק און זאָל זיך פֿונדעסטוועגן לאָזן טרינקען...

—איר ווייסט שוין, רב חיים, איר ווייסט שוין וואָס איך וויל, איר דאַרפֿט דאָס געדענקען נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן!

אַזעלכע טענות הערט חיים חסיד דעם טאָג וואָס פֿאַר פּסח און ניט פֿון איינעם: פֿון צען, פֿון צוואַנציק, פֿון פֿופֿציק ייִדן מיט אַמאָל, מחמת אַלע ייִדן לייגן אָפּ די אַרבע כּוסות אַפֿן לעצטן טאָג, אַף דער לעצטער שעה, אַף דער לעצטער מינוט; און וויפֿל חיים חסיד האָט מיט זיי דערפֿאַר צו טאָן אַלע יאָר, העלפֿט דאָס זיי ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

—איר זײַנט טאַקע גערעכט, זאָגן זיי און טוען זיך זייערס.

דעמדאָזיקן טאָג אַרבעטן אין קעלער שוין ניט די חיימאָוואַ און ניט די טעכטער, נאָר חיים חסיד אַליין מיט די איידעמס. איינער גיסט וויַין, איינער וואַשט פֿלעשלעך, איינער בײַט פּראָבקעס, איינער ציילט געלט, און ס'איז אַ מהומה, אַ טומל, אַ געשריי, אַ געפּילדער: דעם האָט מען פֿאַרביטן די כּלים,

דער האָט ניט באַצאָלט קיין געלט, באַ דעם האָט זיך צעבראָכן אַ גאַנצע סלוי, געבליבן שטיין מיטן פֿאַרפּראָבקעוועטן העלדזל אין האַנט און פֿרעגט, וואָס זאָל ער טאָן אַצינד? און דער שרײַט: „גיט מיר צוויי אָקעס ווײַן פֿונעם פֿאַראַיאָריקן ווײַן און איין אָקע פֿונעם פֿאַרצווייאָריקן ווײַן, נאָר אַ ביסעלע שטאַרקער!

חיים חסיד און זײַנע אײדעמס זײַנען שטאַרקער פֿון אײַזן, אַז זיי טראָגן עס איבער. ס'איז גענוג, אַז אליהו־הנח, מאָלט אײַך, מיטן זײַדענעם קאַשקעט אינדערוואָכן באַדאַרף זײַן איין טאָג אין יאָר אַ משרת באַ די מאַזעפּעווקער ייִדן, ניט האָבן קיין צײַט אַפֿילו אויסשנײַצן די נאָז מיט איין פֿינגער, ווי זײַן שטייגער איז, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דערויף איז דאָס אַזאַ טאָג, וואָס מע דאַרף לאָזן פֿרײַ די ווײַבער, זיי לאָזן אַרײַנשלעפּן דעם הייליקן פּסח אין שטוב אַרײַן, זיך איבערטאָן און אויספּוצן ווי געהעריק איז. און זײַן „מלכות“ צום סדר, ווי גאָט האָט געבאָטן... און די „חיימאָוואַ? מיט די טעכטער, אַרײַנגעפֿירט דעם הייליקן פּסח, האָבן זיך איבערגעטאָן, אויסגעפּוצט אַפֿן שענסטן אופֿן, געווען מלכּות, ווי גאָט האָט געבאָטן, געשײַנט און געבלישטשעט מיט זײַד און מיט סאַמעט, מיט פּערל און מיט דימענטן, כאָטש נעם און מאָל זי אָפּ!

נאָר איין צירעלע איז עפּעס געווען ניט ווי אַלע ערבֿ־פּסח, ניט געוואָלט זיך אָנטאָן, אויספּוצן ווי אַמאָל; געווען ווי פֿאַרזאָרגט, פֿאַרטראַכט, דאָס פּנים בלאַס און אונטער די אויגן בלויע אויסגעברענטע רענדלעך, ווי באַ אַ מענטשן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן און געוויינט.

עפּעס האָט זיך מיט אונדזער צירעלען געטראָפֿן...

## קאַפּיטל ט"ו

*אין דערדאַזיקער נאַכט פֿון פּסח*

זיס און טײַער איז אונדז דער ליבער פֿעטער פּסח איבער אַ סך זאַכן, זיס און טײַער איז ער אונדז דערפֿאַר, וואָס ער דערמאַנט אונדז, אַז מיר זײַנען אַמאָל שוין לאַנג־לאַנג באַפֿרײַט געוואָרן פֿון גלות־מצרים, זיס און טײַער איז ער אונדז דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַלט אַקוראַט אין אַזאַ צײַט, ווען די גאַנצע וועלט ווערט באַפֿרײַט און באַנײַט און כאַפּט זיך אויף און לעבט אָפּ, און די ערד הייבט אָן כאַפּן דעם אָטעם, און לופֿט הייבט זיך אָן רירן, און דער הימל הייבט אַן רעדן ווערטער, דונערן און בליצן — אַלץ לעבט אויף, ס'איז חי- געלעבט!.. זיס און טײַער איז ער אונדז אויך דערפֿאַר, וואָס ייִדן, אָרעמע נעבעך און

דערשלאָגענע, האָרעווען זיך אָן, טויטשען זיך אָן, קאַם־קאַם מיט גרויסע צרות, אַנגסטן און יסורים אַרייַנגעשלעפּט דעם הייליקן יום־טובֿ, און שאַ! מע וועט רוען, מע וועט רוען אַכט טעג כּסדר. און דערמאַן איך דעם נאָמען פֿונעם ליבן, זיסן פֿעטער פּסח, שטייט אויף פֿון קבֿר מיין גליקלעך קינדהייט, מיין זיסע ייִנגלשע וועלט, און גיט מיר אָפּ אַ גרוס פֿון יענע טייַערע יאָרן, וואָס וועלן שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערן זיך צוריק! זייַ געגריסט, ליבער זיסער פֿעטער פּסח! זייַ געגריסט פֿון ייִדישע קינדער, פֿון ייִדן אָרעמע, נעבעך, און דערשלאָגענע, וואָס ווייסן ניט קיין רו, וואָס זעען ניט קיין וועלט, רוען זיך אויס זייערע אויסגעמוטשעטע ביינער אַכט טאָג כּסדר אינעם דאָזיקן הייליקן יום־טובֿ!

נאָר אויב פּסח איז אַ יום־טובֿ, איז די ערשטע נאַכט פֿון פּסח אַ יום־טובֿ שביום־טובֿ, צווישן יום־טובֿים אַ יום־טובֿ! שטיל איז דעמאָלט אין מאַזעפּעווקע, אין דערדאָזיקער נאַכט פֿון פּסח, שטיל און יום־טובֿדיק. אָפּגערעדט דעם סדר, אָפּגעגעסן די שיינע פֿאַלירטשיקעס, פֿאַרטרונקען מיטן גוטן ווייַן, אָנגעזאָגט זיך ווי אַ פּויק מיט די חד־גדיאַס, האָט חיים חסיד געפּילט באַם טיש נאָך, אַז ער הייבט שוין אָן צו דרעמלען און קאַם אָפּגעכאַפּט דעם שיר־השירים, גאָט ווייסט צי אינגאַנצן, מחמת גאַנצע שטיקער זייַנען אים עפּעס ווי אַוועקגעשוווּמען פֿאַר די אויגן, ווי סע שווימט אַוועק אַ שטיק וועג בשעת מע האַלט אין פֿאָרן און מע פֿאַרטראַכט זיך, האָט ער זיך שטילערהייט אַוועקגערוקט, אויסגעטאָן, און — ווּ קריאת־שמע? ווער קריאת־שמע? — אַרייַנגעפֿאַלן אין בעט אַריין און שוין געשלאָפֿן.

אויך די איידעמס אַלע, וואָס האָבן תּחילת שטאַרק געבריהט זיך, געוואָלט ווייַזן איינס פֿאַרן אַנדערן, אַז מע קאָן טרינקען ווייַן, האָט מען זיך פֿאַוואָלינקע אַזוי אָנגעשיכּורט, אַז מע איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם טיש האָט מען זיך קאַם געהאַלטן אַף די פֿיס. אליהו־נח: דער אין גאָר געווען שיכּור ווי לוט, כאָטש נעם בינד אים און וואַרף אים אַרויס, אמת, אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט ער זיך געמאַכט קלוימערשט ווי ער זינגט עפּעס פֿון דער הגדה, אויסגעצויגן עפּעס אַ מין „ויהי בחצי הלילה“, נאָר ס'איז אויסגעקומען אַזוי לעפּיש און דאָס פּנים באַ אים אַזוי נאַריש, אַז דאָס ווייַבל זייַנס האָט אים געמוזט אָננעמען פֿאַר אַ פֿינגער פֿון דער האַנט און פֿירן אים ווי מע פֿירט אַ קעלבל מחילה צו אַ בהמה.

—קום שוין, קום שלאָפֿן... אָנגעזשליאָקעט זיך און זינגט נאָך...

און אָט אַזוי האָט מען זיך באַ חיים חסיד אין שטוב אין דערדאָזיקער נאַכט פֿון פּסח נאָכן סדר איינציקווײַז צעקראָכן אין די אַלקערס און עס האָט זיך געלאָזט הערן פֿון דאָרט אַ כראָפּען מיט אַ פֿײַפֿן פֿון אַ סך העלדזער און פֿון אַ סך נעזער אַף פֿאַרשיידענע קולות, און נאָר איין צירעלע איז ניט געשלאָפֿן.

אין דערדאָזיקער נאַכט פֿון פּסח האָט צירעלע זיך אָפּגעזעגנט מיט איר פֿאָטערס הויז, זיך אויפֿגעהויבן פֿון איר געלעגער, אין איין קליידל מיט אַ שאַלעכל אָפֿן קאָפּ און מיט אַ פּאָר שיכלעך אַף די פֿיס, און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אינדרויסן אַרויס; דאָרט האָט שוין געוואַרט אַף איר איינער, אַ הויכער, אַ שיינער יונג.

דאָס איז געווען מאַקסים טשובינסקי.

די נאַכט אין געווען אַ וואַרעמע, נאָר אַ פֿינצטערע נאַכט, די שטערן האָבן זיך באַהאַלטן אין טונקעלע וואָלקנס, ניט געוואָלט קוקן ווי אַ ייִדישע טאָכטער פֿאַרלאָזט דעם טאַטנס הויז אין אַזאַ הייליקער נאַכט. עס האָט געמראַקעט אַ קליין רעגנדל. וואַרעמע טרערן האָבן געקאַפּעט פֿונעם הימל, געוויינט אָפֿן בראָך פֿון חיים חסיד מיט זײַן הויזגעזינד, וואָס האָבן ניט געוווּסט פֿון גאָר ניט, וואָס זײַנען געשלאָפֿן מיטן זיסן שלאָף פֿון גליקלעכע ערלעכע פֿרומע ייִדן אינעם דאָזיקן הייליקן יום־טובֿ, דעם יום־טובֿ פֿון אַלע יום־טובֿים.

אין דערדאָזיקער נאַכט, ווען עמעצער כאַפּט זיך אויף אַף איין מינוט און טוט אַ קוק אַף צירלען, קערט זי זיך אום צוריק, נאָר קיינער האָט זיך ניט אויפֿגעכאַפּט, אַלע זײַנען געשלאָפֿן מיטן זיסן יום־טובֿדיקן שלאָף — און צירעלע האָט געציטערט ווי אַ לעמעלע, און מאַקסים טשובינסקי האָט זי אַרײַנגענומען, איר געזאָגט זיסע גילדענע ווערטער, איר דערציילט ווי אַזוי ער האָט זי ליב, ווי גליקלעך ער איז, וואָס זי האָט אים געפֿאָלגט, ווי גליקלעך זיי וועלן זײַן ביידע אינגיכן... צירעלע האָט זיך צעוויינט פֿאַר גרויס גליק און פֿאַר שרעק און פֿאַר דעם וואָס זי טוט, האָט זיך פֿאַרטרויט אינגאַנצן אַף אים, און האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן צו אים אין די הענט אַרײַן — און ער האָט זי געבראַכט צו פֿירן אין מאָנאַסטיר אַרײַן.

## קאַפּיטל ט"ז

### *מאָנאַסטירסקע גלעקער קלינגען*

און אַז זי איז געקומען אין מאָנאַסטיר אַרײַן, האָט זי געוואָלט, אַז דאָס, וואָס עס דאַרף געשען, זאָל דאָס געשען וואָס גיכער, זי האָט מורא געהאַט פֿאַר זיך אַליין, זי זאָל חלילה קיין חרטה ניט האָבן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ

און געגעבן זיך דאָס וואָרט, אַן זי זאָל זײַן שטאַרק אַזוי ווי שטאָל, זיך ניט לאָזן איבעררעדן פֿון קיינעם, ניט צולאָזן צו זיך קיינעם פֿון אירע אייגענע, פֿאַרשטעלן די אויגן און ניט זען, פֿאַרשטעלן די אויערן און ניט הערן. און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. אַף מאָרגן הערט זי אינדרויסן קאָכט, עס טוט זיך עפּעס, עמעצער רײַסט זיך, וויל גרײַכן צו איר, האָט זי זיך פֿאַרשלאָסן אין חדרל, ניט גערירט פֿונעם אָרט, און זי הערט אַ קענטלעך קול, זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס וויינט און יאָמערט די מאַמע אירע, האָט זי פֿאַרשטעלט די אויערן, זי זאָל ניט האָרכן, כאָטש עס האָט זי געצויגן ווי מיט צוואַנגען, געטריבן ווי מיט שטעקנס, און זי האָט געהאַלטן וואָרט, אויסגעפּירט אירס, — אָפּגעטאָן איז פֿאַרפֿאַלן.

צירעלע זיצט איינע אַליין באַם פֿענצטער פֿון איר חדרל און קוקט זיך צו און הערט זיך צו, וואָס אינדרויסן טוט זיך. די זון האַלט באַ זעצן זיך, לאָזט זיך אַראָפּ אַף יענער זײַט מאָנאַסטיר, באַגעלט די שפּיץ קלויסטערס מיט גינגאָלד, און דער אָוונט קומט צו גיין מיט גרינגע שטילע טריט; פֿאַרגנבֿעט זיך, צעשפּרייט די טונקעלע פֿליגל זײַנע אַרום און אַרום, לייגט זיך מיט אַ מאָדנע סומנעקייט אַף דער נשמה און רופֿט אַרויס אַ מין קלעמעניש, אַ מין בענקעניש אין האַרצן.

מאָנאַסטירסקע גלעקער קלינגען — מאָנאַכן לויפֿן דאַווענען, „באָם! — באָם! — באָם!“ אַזוי קלינגט די גרויסע גלאָק און הודזשעט, און יעדער קלונג טוט איר אַ זעץ אין האַרצן. „גלין — גלין — גלאָן! גלין — גלין — גלאָן! גלין — גלין — גלאָן, גלין — גלין — גלאָן“ אַזוי ענטפֿערן די אַלע איבעריקע גלעקער אַף פֿאַרשיידענע קולות, און עס דאַכט זיך איר אויס, אַז די גלעקער ניט זיי קלינגען, נאָר זיי רעדן, דערציילן איר וואָס אין דער היים טוט זיך: גלין — גלין — גלאָן! — דער טאַטע וויינט! גלין — גלין — גלאָן! — די מאַמע וויינט! גלין גלין — גלין — גלין — גלין — גלאָן! — אַלע קליינע קינדער וויינען...

און צירעלע דערמאַנט זיך אין דער היים, שטעלט זיך פֿאָר פֿאַר די אויגן די גאַנצע שטוב, איטלעכן מיט זײַן פּנים און מיט זײַן מינע, און עס פֿאַרקלעמט באַם האַרצן, און זי בעט גאָט — אַלץ איינס וואָסער גאָט — אַז דאָס, וואָס באַדאַרף געשען, זאָל געשען ווערן וואָס גיכער.

און עס קומען צו איר אַלע מאָל אַנדערע מענטשן און גרייטן זי צו, זי זאָל זײַן פֿאַרטיק. און זי בעט גאָט, אַז דאָס, וואָס באַדאַרף געשען, זאַל געשען וואָס גיכער. און מאַקסים טשובינסקי קומט צו גיין מיט זײַנע זיסע גילדענע

ווערטער, דערציילט איר איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ווי גליקלעך ער איז, וואָס זי האָט אים געפֿאָלגט, ווי גליקלעך זיי וועלןביידע זײַן אינגיכן, און זי פֿאַלט אים אַפֿן האַרצן, וויינט, וויינט פֿאַר גרויס גליק און פֿאַר שרעק פֿאַר דעם, וואָס זי טוט, און בעט גאָט, אַז דאָס, וואָס דאַרף געשען — זאָל געשען וואָס גיכער...

## קאַפּיטל י"ז

*אַ געפֿערלעכער שפּרונג*

צירעלע האָט זיך מחיה געווען, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט אַ פֿרישן מענטשן, כאָטש אַזעלכן ווי מאָשקעלע גנבֿ, וואָס זי קאָן זיך מיט אים אַביסל דורכריידן, און זי דערציילט אים אויס אַלצדינג פֿון א׳ ביז ת׳, און ער הערט אויס מיט קאָפּ, לאָזט זי רעדן ,זי זאָל דערציילן נאָך און נאָך, און זיי ביידע באַמערקן גאָרניט ווי ווײַט זיי זײַנען פֿאַרגאַנגען אין גאָרטן, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און געוואָלט גיין צוריק, האָט ער זי פלוצלינג אָנגענומען בײַ דער האַנט ווי מיט אַן אײַזערנע אָפּצווענגע און האָט איר אַ זאָג געטאָן:

—שטיי, ווערסט צוריק ניט גיין! איך האָב אויסגעהערט אַלצדינג, וואָס דו האָסט מיר דערציילט; אַצינד באַדאַרפֿסטו אויסהערן, וואָס איך וועל דיר דערציילן.

טויט ווי די וואַנט איז זי געבליבן שטיין, געקוקט מיט שרעק מאָשקען אין די אויגן אַרײַן, ניט געקאָנט אַרויסנעמען איר האַנט פֿון זײַנע אײַזערנע קלעשטשעס, און מאָשקע האָט איר דערציילט אַ מעשׂה, נאָר אַ קורצע מיט פּראָסטע ווערטער, איר דערציילט ווי אַזוי ער האָט זי ליב אַ סך פֿריִער פֿון מאַקסים טשובינסקי, ווי אַזוי ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם עזות ברענגען איר הייליקן נאָמען אַף זײַן מויל, צו טראַכטן וועגן איר אַפֿילו אין חלום, וואָרעם ווער איז ער און ווער אין זי? ער איז „מאָשקעלע גנבֿ“, און זי איז חיים חסידס טאָכטער — אַ ווערטעלע! און ווי אַזוי בײַ אַים איז איצטער פלוצלינג און מיטאַמאָל פֿאַרטיק געוואָרן אַ פלאַן, אַזאַ פלאַן, וואָס ער מוז אים דורכפֿירן, ער זאָל וויסן דער טויט זאָל אים זײַן אַפֿן אָרט! דער פלאַן איז אַ פּשוטער פלאַן; ער נעמט זי אַף די הענט און שפּרינגט מיט איר אַריבער אָט דעמדאָזיקן פלויט און זעצט זיך מיט איר אַנידער רײַטנדיק אַפֿן פֿערד, וואָס שטייט בײַ אַים צוגעגרייט פֿון גאַנץ פֿרי אָן, און שפּרינגט מיט איר אַוועק אינעם ערשטן שטעטל און שטעלט מיט איר אַ חופּה, און ער שווערט איר בײַ גאָט, בײַ דעם גאָט, וואָס אין הימל, אַז ער וועט אייביק זײַן איר קנעכט, ער

וועט פֿאַר איר גיין אין פֿײַער און אין וואַסער, און זי וועט פֿאַר אים זײַן אַ סך גליקלעכער ווי פֿאַר מאַקסים טשובינסקי, וואָרעם ער, מאָשקעלע גנבֿ, האָט זי ליב, ווי פּערציק טויזנט מאַקסים טשובינסקיס קאָנען אַזוי ניט ליב האָבן...
און ניט לאָזן זי לאַנג טראַכטן, האָט ער זי גענומען צו זיך אַף די הענט, ווי מע נעמט אַ קליין קינד, און האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט מיט איר אַפֿן פּלויט פֿונעם מאָנאַסטיר און האָט צו איר בשעת־מעשׂה אַזוי געזאָגט:
—הער! טאָמער לאָזסטו אַרויס איין פּיפּס, דערוואָרג איך זיך מיט מײַנע הענט און אַליין וואַרף איך מיך אַראָפּ פֿונעם דאָזיקן פּלויט און צעברעך מיר דעם קאָפּ אַף שטיקלעך!
דאָס אַלצדינג איז געווען אַזוי פּלוצלינג אומגעריכט, אַז ניט נאָר שרײַען, צירעלע האָט ניט געקאָנט אַפֿילו דעם אָטעם כאַפּן; זי איז געווען טויט ווי אַלע טויטע; סע האָט מיט איר געוואָרפֿן ווי מיט אַ קדחת, און בשעת ער האָט זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט און האָט זיך געגרייט אַראָפּשפּרינגען פֿונעם הייכן פּלויט אין די שטעכלקעס אַרײַן, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע קליינע הענטעלעך באַ זײַן געזונטן האַלדז, ווי אַ קליין קינד כאַפּט אַרום אַ גרויסן בשעת יענער באָדט זיך אין טײַך און וויל זיך מיט דעם אונטערטוקן אין וואַסער, עס האָבן זיך באַ איר צוגעמאַכט די אויגן און זי איז כמעט געבליבן אין חלשות...

* * *

## קאַפּיטל י״ח

*אַ בריוו פֿון דער פּאָסט און אַביסל התנצלות פֿונעם מחבר*

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו חיים חסיד אָנגעקומען אַ בריוול פֿון דער פּאָסט און דאָרט אין געשטאַנען:

„ליבער פֿאָטער און טײַערע מוטער!
איך שרײַב אײַך, אַז איך בין דאַנקען גאָט געזונט און שטאַרק און בין געבליבן אַ ייִדישע טאָכטער, איך האָב חתונה געהאַט פֿאַר מאָשקען, וואָס מע רופֿט אים באַ אונדז מאָשקעלע גנבֿ, און איך בין גליקלעך, אפֿשר נאָך גליקלעכער פֿאַר אַלע מײַנע שוועסטער, און איר זאָלט ניט פֿרעגן ווי אַזוי דאָס איז געווען, מסתּמא איז דאָס אַ באַשערטע זאַך פֿון גאָט, ווי רב שלום שדכן זאָגט, אַ

„זיווג מין השמים“, און איר זאָלט וויסן, ליבע פֿאָטער און מוטער, אַז מיר וועלן אַהיים, קיין מאַזעפּעווקע, קיינמאָל ניט קומען, מיר ווילן ניט אײַער בזיון מיט אײַערע יסורים, לעבט הונדערט און צוואַנציק יאָר. איך פֿאַרבלײַב פֿון דער ווײַטן אײַער געטרײַע, וואָס קושט אײַך טויזנט מאָל און ווינטשט אײַך פֿיל גוטס און געזונט און הצלחה, און איך בעט לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנטלעך, און בעלי מאָשקע לאָזט אײַך גריסן איטלעכן גאָר פֿרײַנטלעך. אײַער טאָכטער צירל“.

ס'איז אַ מינהג כּמעט באַ אַלע מחברים אַף דער גאַנצער וועלט, אַז זיי באַשרײַבן אַ געשיכטע, איז קודם־כּל, נאָך אין הקדמה פֿונעם ספֿר, גיבן זיי צו וויסן דעם עולם און שווערן מיט כּל־השבֿועות, אַז מע מעג גלויבן אַ הולטײַ, אַז אַלצדינג, וואָס זיי דערציילן, איז לויטער אמת, חלילה ניט אויסגעטראַכט פֿונעם קאָפּ קיין איינציק וואָרט אַפֿילו. נאַראָנים! זיי ווייסן ניט, אַז וואָס מער זיי וועלן זיך שווערן, וועט מען זיי אַלץ מער ניט גלויבן... איך האָב געהאַט אַ חבֿר, „טאַנכל“ האָט ער געהייסן, איז ער געווען אַ מוראדיקער שקרן; אַלע ייִנגלעך אין חדר האָבן דאָס געוווּסט און ער אַליין האָט אויך געוווּסט, אַז מע ווייסט, אַז ער איז אַ ליגנער, וואָס־זשע פֿלעג ער טאָן? אַז ער האָט עפּעס באַדאַרפֿט דערציילן אַ נײַעס, פֿלעג ער קודם־כּל אָנהייבן לייגן שבֿועות:

—הערט איר, קינדער? ווי איך בין אַ ייִד! איך זאָל ניט דערלעבן אַוועקגיין פֿון דעם אָרט! איך זאָל מיך דערוואַרגן מיטן ערשטן ביסן! איך זאָל אײַננעמען אַ מיתה־משונה! לאָז פֿון מיר ווערן אַ שטיין, אַ ביין אויב איך זאָג אײַך אַ ליגן אַף אָט אַזוי פֿיל אָ...!

און ערשט נאָכדעם פֿלעג ער שוין דערציילן די מעשׂה, און ערשט נאָכדעם פֿלעג זיך אויסלאָזן, אַז ס'איז שוואַ־ושקר...

געגרינדעט דערויף, וויל איך מיך ניט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דיר, מײַן ליבהאַרציקער לעזער, און אויסווײַזן דיר אויג אַף אויג, אַז דידאָזיקע געשיכטע, וואָס איך דערצייל דיר, איז טאַקע אַזוי געווען פּונקט ווי סע שטייט געשריבן באַ מיר אין ראָמאַן. איך זאָג דיר, אַז ס'איז אַזוי, און די ברירה איז באַ דיר, ווילסטו גלויבסטו, ווילסטו גלויבסטו ניט... איך קאָן דיר געבן נאָך אַן עצה: פֿאָר זיך דורך קיין מאַזעפּעווקע און כאַפּ אָן אַ ייִדן אין מיטן גאַס און טו אים אַ פֿרעג.

—פּעטער! איז ניט געווען דאָ באַ איך איינער אַ מאָשקע גנבֿ?

וועט ער זיך אָפּשטעלן און וועט דיר ענטפֿערן

—אַ? מאָשקעלע גנבֿ? אָט דער, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט חיים חסידס טאָכטער? וואָס איז דען? אַקעגן וואָס פֿרעגט איר דאָס?

וועסטו דאָך אים ענטפֿערן:

—גאָרנישט, גלאַט אַזוי...

און וועסט דאָך מסתּמא וועלן אַוועקגיין, וועט ער דיך ניט אָפּלאָזן און וועט זיך נעמען צו דיר:

—וואָס הייסט גאָרנישט, גלאַט אַזוי, גלאַט אַזוי? גלאַט איז אַ טעלער! וואָס הייסט דאָס אַ ייִד נעמט און פֿרעגט זיך נאָך גלאַט אַזוי? אַז איר פֿרעגט, מסתּמא ווייסט איר דאָך עפּעס!

און מיינט ניט, אַז איר ווערט גיך פּטור. דער ייִד, וואָס איר האָט אים אָפּגעשטעלט, שטעלט אָפּ נאָך צוויי ייִדן און טײַט אַף אײַך מיט די פֿינגער:

—וואָס זאָגט איר דערויף? איך גיי מיר אַזוי, שטעלט מיך אָפּ אָט דער ייִד און פֿרעגט זיך נאָך אַף מאָשקעלע גנבֿ! פֿרעג איך אים, וואָס דאַרפֿט איר מאָשקעלע גנבֿ? זאָגט ער גלאַט אַזוי...!

צו די דריי ייִדן גייען צו נאָך אַ דריי — פֿיר ייִדן און אַרום דיר ווערט אַ גאַנץ רעדל און מע נעמט דיך צו דער אַרבעט גאָר אַף אַן אַנדער אופֿן. איינער גיט איבער דעם אַנדערן, ווער דו ביסט; דער זאָגט, אַז דו האָסט זיך געזען ערגעץ מיט מאָשקעלע גנבֿ, דער זאָגט, אַז דו ביסט געקומען צו פֿאָרן מיט מאָשקעלע גנבֿ, און איינער זאָגט שטילערהייט דעם אַנדערן אַפֿן אויער, אַז דאָס ביסטו אַליין מאָשקעלע גנבֿ, און דו דאַנקסט גאָט, אַז דו רײַסט זיך אַרויס פֿון זייערע הענט, און איך האָב מורא, אַז דו וועסט פֿאַרזאָגן קינדס־קינדער ניט פֿאָרן קיין מאַזעפּעווקע, ניט אָפּשטעלן קיין ייִדן אין גאַס און ניט נאָכפֿרעגן זיך אַף מאָשקעלע גנבֿ... גלײַכער זאָלסטו מיר גלויבן אַף נאמנות, אַז ס'איז געווען אין מאַזעפּעווקע אַ מאָשקעלע גנבֿ, אַ צירעלע, אַ חיים חסיד, וואָס האָט געהאַט אַ שיין ווײַב, מיט שיינע טעכטער, מיט עטלעכע איידעמס, מיט די אַלע איבעריקע פּאַרשוינען, וואָס ווערן געבראַכט אין מײַן ראָמאַן. אײַ, ווּ זײַנען זיי אַהינגעקומען? למאַי ווּ זײַנען אַהינגעקומען אַלע אײַערע באַקאַנטע פֿון אַמאָל? אייניקע זײַנען געשטאָרבן, אייניקע זײַנען זיך צעקראָכן, צעלאָפֿן ווי די מײַז אין אַ הונגעריאָר, חיים חסידס קעלער איז שוין לאַנג צוגעמאַכט און די מאַזעפּעווקער אַדונים קלײַבן זיך צונויף אין קלוב אַרײַן, ניט אין קיין ווײַנשענק, און מע שפּילט אין וויסט, אין פּרעפֿעראַנס, און טרינקען טרינקט מען אָדער גערייניקטן בראָנפֿן 40 גראַד, אָדער קוואַס, ניט קיין וואַנאַרעזיק, אַן עק, אויס ווימאַראָזיק! חיים חסיד אַליין איז שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט. זי „חיימאָווא" איז אַן אַלטע ייִדענע מיט אַ פּאַרוק, און כאָטש דאָס פּנים איז שטאַרק געקנייטשט און גייט אײַנגעבויגן,

פֿונדעסטוועגן זעט מען נאָך הײַנט אויך, אַז אַמאָל האָט זי באַדאַרפֿט זײַן אַ שיינע ייִדענע. די טעכטער מיט די איידעמס זײַנען איינציקווײַז אַריבערגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און מאַכן דאָרט אַ „לעבן״, און ס'איז אַ סבֿרה, אַז אליהו־נח האָט שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס זײַדענע קאַשקעטל און טראָגט שוין גאָר אַ „העט״ (קאַפּעליוש) און הייסט שוין גאָר „מיסטער״ (הער) און לייענט אַ „פּייפּער״ (אַ גאַזעט) און עסט אַ „סטייק״ (אַ מין געבראָטנס) און טרינקט אַ „בירער״ און פֿאַרבײַסט מיט אַ „קעק״ (אַ מין לעקעך) און גיט זיך אָפּ מיט „פּאָליטישן״ (פּאָליטיק), ער שנײַצט שוין ניט די נאָז מיט איין פֿינגער, אַן עק, — מיט איינעם וואָרט, אליהו־נח אין שוין אַ גאַנצער ענגלישמאַן און איז שוין „אָל־רײַט״... איך האָב אַליין געזען אַ „פּיקטשע״ (אַ פּאָרטרעט), וואָס אליהו־נח וואָס צוגעשיקט צו זײַנעם אַ חבֿר, בין איך ניבֿהל־ונישתּומם געוואָרן! מע זאָל מיר ניט זאָגן, אַז ס'איז אליהו־נח, חיים חסידס איידעם, וואָלט איך זיכער מיינען, אַז ס'איז אָדער אַ רײַטער פֿון צירק, אָדער אַ שווייצאַר פֿון אַ גאַסטהויז, אָדער לכל־הפּחות אַ ייִדישער לאַקיי אַף אַ געהויבענער חתונה. אַ גאַנץ יאָר שלאָגט ער אָן מאַטראַצן, און אַז סע קומט אַ רײַכע חתונה, גאָלט ער אָפּ די מאָרדע, קראָכמאַליעט אָן די וואָנצעס, ציט אָן אַף זיך צוויי זשילעטן, אַ פּאָפּירענע מאַנישקע מיט אַ ווײַסן שניפּס און פֿון די ברייטע מאַנזשעטן שטעקן אַרויס צוויי גרויסע רויטע הענט מיט שוואַרצע נעגל... אָט וואָס הייסט אַ פֿרײַ לאַנד!

אַצינד בלײַבט נאָך איבער איינס: וואָס הערט זיך מיט מאָשקעלע גנבֿ און מיט זײַן ווײַב צירעלע? — דערויף באַדאַרף מען בעטן דעם עולם, ער זאָל זיך מטריח זין לייענען ווײַטער.

## קאַפּיטל י״ט

*הענעך דער חזן זוכט אַ שטאָט*

פֿון יענער צײַט, וואָס ווערט באַשריבן דידאָזיקע היסטאָריע, איז אַוועקגעגאַנגען עטלעכע יאָר. עס האָבן זיך געשטעלט די אומעטיקע ווײנענדיקע טעג, סאַמע אלול־צײַט, ווען ייִדישע קינדער לאָזט מען פֿרײַ, — גרויסע ייִדן לערנען זיך בלאָזן שופֿר, חזנים פֿאָרן זוכן שטעט, מלמדים קנעלונגען, און דער הימל, באַדעקט מיט שווערע בלײַענע וואָלקנס, קלאָגט און וויינט אַף דעם אַוועקגעגאַנגענעם זומער מיט קאַלטע טרערן.

אין איינעם פֿון דידאָזיקע טעג איז הענעך דער שוחט, אָדער הענעך דער חזן (ער איז ביידע זאַכן), געפֿאָרן פֿון סעקוראַן קיין בריטשאַן זוכן זיך אַ שטאָט אַף צו דאַוונען ימים־נוראָים.

הענעך איז געווען, הייסט עס, אַ „וועלט־חזן“, נאָר ניט פֿון די וועלט־חזנים, וואָס זײַנען באַרימט אין דער וועלט, נאָר פֿון יענעם מין „וועלט־חזנים“, וואָס פֿאָרן אַף דער וועלט זיך זוכן אַן עמוד; אַמאָל געפֿינען זיי און אַמאָל ניט, און אַז זיי געפֿינען, דאַוונען זיי אָדער שחריתים, אָדער מוספֿים, אָדער שחריתים מיט מוספֿים אינאיינעם. ווי אַזוי עס לאָזט זיך. קיין יקרן איז אונדזער הענעך נישט געווען קיינמאָל; מער פֿון זיבעציק קאַרבן שוין מיט דער „שיסל“ האָט ער קיינמאָל ניט פֿאַרלאַנגט אַפֿילו, אַדרבא, מע דערציילט אין מאַזעפּעווקע אַ מעשׂה (אַף איטלעכן באַזונדער האָט מאַזעפּעווקע אַ מעשׂה) אַז הענעך איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעטל, אָפּגעדאַוונט אַ שבת און איז שטאַרק געפֿעלן דעם עולם, מחמת ער האָט טאַקע געהאַט אַ ריינע „קיילע“ און אַ שיינעם „חיתוך־הדיבור“. אַז ס׳איז געקומען צו באַדינגען זיך, און אַז ער האָט דערהערט, אַז מע וויל אים באַצאָלן אַ גאַנצן הונדערטער אַחוץ דער שיסל, האָט ער געכאַפּט דעם שטעקן און איז אַנטלאָפֿן, געזאָגט: „אויב אַזוי זוכט אייַך אַן אַנדער חזן“... נאָר דאָס געהער זיך שוין אָן מיט הענעכן, ניט מיט אונדזער ראָמאַן, בכן קערן מיר זיך אום צוריק צום ראָמאַן.

ביז דער סטאַנציע אָקניצע איז הענעך געפֿאָרן מיט דעם באַן, און פֿון אָקניצע מיט אַ בעל־עגלה גלייַך קיין סעקוראַן אַף ימים־נוראָים, איז דאָך די קאַשע: וואָס עפּעס קיין סעקוראַן? למאַי ניט פֿילעשט, אָדער קיין יעדינעץ? פֿילעשט און יעדינעץ איז דאָך אַ סך נעענטער ווי סעקוראַן? איז דער תּירוץ: פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז הענעך איז ניט געווען אין פֿילעשט און אין יעדינעץ? אפֿשר זײַנען די פֿעלישטער און יעדינעצער ייִדן אַזעלכע שאַרפֿע מבֿינים אַף „נגינה“, אַז הענעך איז פֿאַר זיי קליין? אָדער אפֿשר פֿאַרקערט, פֿילעשט און יעדינעץ איז פֿאַר הענעכן צו קליין? וואָס קען מען וויסן? אַ פֿיש זוכט וווּ טיפֿער, אַ מענטש ווו בעסער...

בקיצור, הענעך איז געפֿאָרן קיין סעקוראַן, האָט ער אָבער אין סעקוראַן פֿאַרשפּעטיקט; דאָרט האָט נאָר־וואָס פֿאַרכאַפּט דעם עמוד אַן אַנדער חזן, עפּעס איינער אַ מאָניש בערשעדער, אַ גוטער „דראָנג“ און קען קיין שײַטל עבֿרי ניט; הענעך קען אים, נאָר ס׳איז ניט זײַן עסק; ער וועט ניט גיין קאַליע מאַכן אַ ייִדן פּרנסה, הענעך איז ניט אַזאַ מענטש... און ער האָט געמוזט פֿאָרן פֿון סעקוראַן קיין בריטשאַן.

געפֿאָרן פֿון סעקוראַן קיין בריטשאַן איז הענעך מיט אַ בעל־עגלה, געוויינטלעך ניט אַליין, מיט נאָך ייִדן און מיט נאָך ווײַבער, און מחמת אינדרויסן איז געווען שוין רעכט קילבלעך און הענעכס בגדים זײַנען געווען ערטערווײַז אויסגעטריפּעט און ערטערווײַז מחילה צעטרענט, האָט ער זיך אײַנגעהילט אין אַ גרויסן וואַרעמען שאַל, געהיט די קיילע, ער זאָל זי חלילה ניט צוקילן.

תּחילת האָבן די פֿאַרשוינען צווישן זיך פֿאַרפֿירט אַ ברייטן שמועס מכּוח מה־שמכם, פֿון וואַנעט איז אַ ייִד און וווּהין פֿאָרט מען? ווי געוויינטלעך, און אַז מע האָט זיך שוין גוט אָנגערעדט און אָנגעזיפֿצט אַף די הײַנטיקע פּרנסות מיט די הײַנטיקע בשׂורות טובֿות ישועות ונחמות אַף ייִדן, איז מען מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, זיך פֿאַרטראַכט איטלעכער אין זײַנע עסקים מיט זײַנע דאגות. אויך הענעך איז געווען פֿאַרטיפֿט אין זײַנע מחשבֿות, הענעך האָט, נישקשה, געהאַט וואָס צו טראַכטן, וואָרעם טאָמער חלילה לא־יעלה־ולא־יבֿא, פֿאַרשפּעטיקט ער בריטשאַן אויך, בלײַבט ער דאָך אַף הײַנטיקן ימים־נוראָים לחלוטין אָן אַן עמוד...

פּלוצלינג ווי ער טראַכט אַזוי, דערזעט הענעך, פּונקט אַפֿן מיטן וועג צווישן סעקוראַן און צווישן בריטשאַן, אַ פֿאַרטיע אַרעסטאַנטן גייען מיטן עטאַפּ פֿאָרווײַז, געשלאָסן אַ האַנט צו אַ האַנט און זוויאַקען מיט די קייטן. פֿון הינטן איז נאָכגעפֿאָרן אַ גרויסער וואָגן מיט ווײַבער און קינדער. הענעך, וואָס איז געווען פֿאַרטיפֿט אין זײַנע מחשבֿות, וואָלט געוויס דורכגעלאָזט דעם עטאַפּ פֿאַרבײַ דער נאָז, אים אין זינען געהאַט ווי פֿאַראַיאָריקן שניי: ווייס איך, גנבֿים, באָסיאַקעס, כאַפּט זיי דער וואַטן־מאַכער! נאָר ער ווייסט אַליין ניט וואָס מיט אים איז געשען: צווישן די אַרעסטאַנטן האָט ער דערזען עפּעס איינעם אַ פֿאַרשוין אַ שוואַרצן מיט אַ שוואַרצער פּאַטלע און מיט אַ שוואַרצער באָרד, און ער וואָלט געמעגט שווערן אַז ס'איז אַ ייִד, און נאָך אַ קענטלעכער דערצו, זייער אַ קענטלעכער! ווער דאָס איז — האָט ער בשום אופֿן ניט געקאָנט זיך דערמאַנען, וויפֿל ער האָט זיך ניט געבראָכן דעם מוח און געריבן דעם שטערן.

און מחמת ער האָט זיך שוין אַזוי פֿאַראינטערעסירט מיטן קענטלעכן פֿאַרשוין, האָט ער שוין במילא גענומען באַטראַכטן דעם וואָגן מיט די ווײַבער און קינדער אויך, און ער האָט דערזען צווישן זיי איינע אַ יפֿיפֿיה, מיט אַ רויט שאַלעכל אַפֿן קאָפּ און מיט אַ קינד אַף די הענט. ער וואָלט שווערן, אַז ס'איז אַ ייִדישע טאָכטער און אַ קענטלעכע, אָבער טאַקע גאָר אַ קענטלעכע!

—ווייס איך וואָס עס קען זיך אַמאָל אויסווײַזן — אַזוי האָט הענעך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און האָט זיך אַ גלעט געטאָן באַ די פֿלעשלדיקע פּאות און

אײַנגעהילט זיך אין דער וואַרעמער שאַל. פּלוצלינג דערהערט ער, עמעצער רופֿט אים אָן באַם נאָמען:

—רב הענעך! רב הענעך!

## קאַפּיטל כ

*אַ מעשׂה! אַ מעשׂה!*

הענעך דרייט אויס דעם קאָפּ — דאָס רעדט צו אים די יפֿיפֿיה, וואָס מיטן רויטן שאַלעכל און מיטן קינד אַף די הענט... פֿון הענעכן איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ: „ווער קען דאָס זײַן? “...

—רב הענעך, איר האָט מיך ניט דערקענט? איך בין דאָך צירעלע, חיימס טאָכטער, חיים חסיד ייִנגערע טאָכטער! אַז איר וועט קומען אַהיים קיין מאַזעפּעווקע, זאָלט איר למען־השם לאָזן גריסן דעם טאַטן און דער מאַמען און אַלע אונדזעריקע גאָר פֿרײַנטלעך, און זאָלט מוחל זײַן זאָגן, אַז מיר גייען קיין אירקוטסק... למען־השם, רב הענעך, לאָזן גריסן דעם טאַטן..

צירעלע האָט נאָך עפּעס געזאָגט, געמאַכט צו אים בשעת־מעשׂה מיט די הענט, נאָר מחמת די פֿורן זײַנען שוין געווען איינס פֿון דאָס אַנדערע ווײַטלעך, האָט מען שוין מער ניט געקאָנט הערן פֿון איר גאָרניט, ער האָט נאָר געהערט אַ געלעכטער צווישן די אַרעסטאַנטן, פֿון עטלעכע מיטאַמאָל, און אַ משונה מאָדנע לידל, און דווקא צום גראַם, מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס ס'איז שווער צו פֿאַרשטיין פֿון זיי דעם פּשט:

„אַי יאַנקעל, סאָרע, מייש! גי' מיר בראָנפֿן, גיי מיר כלייש“!

עס ווײַזט אויס, אַז דאָס לידל איז דעם עולם געווען שטאַרק געפֿעלן, וואָרעם דער גאַנצער עטאַפּ, אַחוץ דעם קאָנווי, האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן, און ניט אַזוי פֿונעם לידל, ווי פֿון דעם, וואָס איינער פֿון די חבֿרה אַרעסטאַנטן, אַ הויכער פּאַרשוין מיט אַ רויט געשטופּלט פּנים, האָט אַרײַנגענומען איין עק פּאָלע פֿון דעם גרויען שינעל אין מויל אַרײַן, געקוקט אַף הענעכן, און האָט לאַנג געטרייסלט מיטן קאָפּ הין און צוריק, בכדי, צו דערערגזנען דערמיט די ייִדן...!

הענעך האָט אים אָבער געהערט ווי המן דעם גראַגער, ער איז געווען פֿאַרנומען מיט זײַנעם, ער איז געוואָרן אויסער זיך פֿון דעמדאָזיקן באַגעגעניש, ער האָט זיך אָנגעשטויסן על־פּי סבֿרה, אַז יענער שוואַרצער

יונגאַטש מיט דער באָרד באַדאַרף זײַן טאַקע איר מאַן, מאָשקעלע גנבֿ, און ער האָט ניט אויפֿגעהערט וווּנדערן זיך און רעדן צו זיך אַליין:

—אַ מעשׂה! אַ מעשׂה! וואָס סע קען זיך טרעפֿן אַף דער וועלט!

די איבעריקע פּאַרשוינען, וואָס זײַנען געפֿאָרן מיט הענעכן אַף איין פֿור, האָבן זיך געוויינטלעך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דערדאָזיקער „מעשׂה“; נאָר וויפֿל זיי האָבן אים ניט דערקוטשעט, ער זאָל זיי דערציילן ווער איז אָט די בחורטע, וואָס האָט דורך אים איבערגעגעבן אַזאַ פֿרײַנטלעכן גרוס אַהיים, און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ „מעשׂה“? — האָבן זיי אָבער פֿון אים ניט געקאָנט אַרויסציִען גאָרניט. הענעך דער חזן האָט ניט אויפֿגעהערט צו מאַכן מיט די הענט, היצן זיך און איבערחזרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

—אַ מעשׂה! אַ מעשׂה! וואָס סע קען זיך פֿאַרלויפֿן אַף דער וועלט!

—פֿאָרט וואָס? דערציילט אונדז אויך די מעשׂה, לאָמיר הערן!

—ס׳איז אַ מעשׂה, וואָס טרעפֿט זיך, הערט איר, איינמאָל אין טויזנט יאָר! אַ מעשׂה! אַ מעשׂה! וואָס סע קען זיך פֿאַרלויפֿן אַף דער וועלט! אַ מעשׂה! אַ מעשׂה!

און מער האָט הענעך ניט געקענט זאָגן גאָרניט; ער האָט ניט געוווּסט פֿון וואַנען ער זאָל אָנהייבן! צי פֿון איר, צי פֿון אים, צי פֿון דעם, וואָס איז געווען נאָכדעם, צי פֿון דעם, וואָס איז געווען פֿריִער, — און אַף הענעכס פּנים איז געבליבן פֿאַרגליווערט אַ ביטער שמייכעלע, און זײַנע זכרונות האָבן אים אויפֿגעכאַפּט ווי אַ רוח דעם מלמד און האָבן אים אַוועקגעטראָגן העט־ווײַט, ער ווייסט אַליין ניט וווהין, ערגעץ אונטער די הרי־חושך... און דערווינט האָט געבלאָזן, און אַ רעגנדל האָט געמראַקעט, און דער בעל־עגלה האָט געפּײַפּט און געוויאָקעט, און די פֿערדלעך זײַנען מיט קליינע דריבנע טריטעלעך קלוימערשט געלאָפֿן, און די רעדער האָבן זיך געקאַטשעט איבער דער נאַסער ערד, און דער וואָגן האָט געטרייסלט, און אַלע פּאַרשוינען האָבן זיך געוויגט, געשאָקלט, באַגעגנט זיך גאַנץ אָפֿט אַמאָל מיט די פּלייצעס, אַמאָל מיט די שטערנס, און הענעך, אײַנגעהילט אין אַ וואַרעמער שאַל, האָט זיך געוויגט און געשאָקלט אַהער און אַהין, און זײַנע פֿלעשלדיקע פּאות, גערירט פֿונעם ווינט, האָבן זיך געבאָמבלט ווי אַף פּרוזשינקעס און צוגעגעבן אים פֿיל חן.